6123

# אונזער שטימע

# OUR VOICE

## 19

צוויי יאָר

## באַפרייונג

15.IV.1945 – 15.IV.1947

BPJ JPL
CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES · SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES · FONDS SPÉCIAUX

פרייז 2 מאַרק

נומער 19

# אונדזער שטימע

צווייוואָכנשריפט

אָרגאַן פון דער שארית־הפליטה אין דער ענגלישער זאָנע

אַרויסגעבער:

צענטראַל קאָמיטעט
פון די באַפרייטע יידן אין דער
בריטישער זאָנע — בערגן־בעלזן

רעדאַקציע:

רפאל אָלעווסקי
פּאַול טרעפּמאַן
דוד ראָזנטאַל

בערגן־בעלזן, כ״ה ניסן תש״ז — דריטער יאָרגאַנג — 15. APRIL, 1947

* * *

מיט צוויי יאָר צוריק... ענדלעך האָט אַ סוף גענומען די געשפּענסטיקע, חורבן־ און טויט־טראָגנדיקע אַנטוויקלונג פון געשעענישן, וועלכע ציט זיך פון דעם מאַרש פון די שוואַרץ־העמדלדיקע פאַשיסטישע באַנדעס אויף רוים און פון דער מאַכט־ערגרייפונג פון די היטלעריסטישע האָרדעס אין דייטשלאַנד; אַן ענדע פון די פעך־שוואַרצע טעג און יאָרן אין וועלכע מענטשלעך לעבן און מענטשלעכע שאַפונג זיינען אין פלאַם געשטאַנען.

באַרוישט פון נס, פאַרשיכורט פון גליק זיינען אין אונדזערע הערצער זיסע חלומות אַנטשטאַנען. אין די יום־טוב טעג פון דער נאָך־באַפרייונג האָט פרייד פון דערזעען דאָס אויפשטראַלנדיקע ליכט פון דער נייער וועלט צעגליט דעם ווילן איינצוגלידערן זיך און די נאָענטסטע אין דעם קרייז פונעם נייעם פעלקער־זיין. עס איז געקומען אָבער דער אינדערוואָכן און אַנטפּלעקט זיין גרויל און שרעק. די שווערד ליגט נישט צעבראָכן, זאָגאַר נישט אין דער שייד באַהאַלטן און די טויערן פון גנאַד און יושר זיינען ווייטער פאַרהאַמערט. די וועלט אָן אונטערדריקער, אָן האַס, אָן נויט, אָן טרערן איז אַ טרוים, וואָס וואַרט נאָך אַלץ אויף זיינע פאַרקערפּערער, אַ טרוים, וועלכער ווערט אָבער קיינמאָל נישט פאַרלאָשן. און דאָ ליגט אויך די סבה פון זיין זיג, וואָס מוז און וועט קומען. דער גלויבן זאָל אונדזער האָפענונג גערן און באַגלייטן אונדז אויף אַלע וואָגלער־שליאַכן ביז צו דער דערגרייכונג פון אונדזער ציל: פון אַ פריי יידיש פאָלק אין אונדזער אַלט־ניי לאַנד אַלס אַ טייל פון אַ פרייע און גליקלעכע מענטשהייט.

איבערטרעטנדיק די שוועל פונעם דריטן פרייהייטס־יאָר ווירדיקן מיר די העלדישע אַרמייען פון גרויס־בריטאַניען, פאַראייניקטע־שטאַטן און דעם ראַטן־פאַרבאַנד, די צענע טויזנטער קעמפער פון דער יידישער בריגאַדע און פון אַלע מיליטערישע אַלייִרטע פאָרמאַציעס, וועלכע האָבן איבערגעריסן די קאָשמאַרנע, גרויליקע היטלער־נאַכט אין אייראָפּע און געעפנט אויך פאַר אונדז דעם וועג צו אונדזער פערזענלעכער פרייהייט.

BPJPL CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

# יידישע נייעס: 1942

פון אַלעף כּץ

די שרייב־מאַשין ברענט
און איך בּין אין פייער.
איך קלאַפּ מיט די הענט,
און די אותיות שרייען:

פון ים — די שיף „נע־ונד" איז געזונקען.
הונדערטער טאַטעס און מאַמעס און קינדער דערטרונקען,
גרויס איז דער קבר וואָס האָט זיי אַ מקום־מנוחה געגעבן,
נאָך גרעסער די קללה — צום לעבן.

פון לאַנד — די גאַנצע קהלה פון קינשמאָט איז אונטער־
געגאַנגען.
פרויען און קינדער און זקנים דערשאָסן, געהאָנגען.
די שול איז צעבראָכן, די ספרים — אין שאַנד,
גאָט האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

פון פעלד — אין אָפענע גריבער, אין מיילער פון ערד,
וויגן זיך גופים מיט האַלב־טויטע בערד.
ווו פעלד איז געוועזן און געוואָקסן איז ברויט,
לעבט איצט דער טויט.

פון וואַלד — אין וואַלד אויף די וועגן פון שטעטעלע ט.
איז זיך פאַרלאָפן אַ נס:
אַ פויער וואָס איז דאָרט געוועזן אַ שומר,
האָט איינמאָל דערזען אַ נייעם מין ביימער.
אין טלית און תפילין (עס כאַפּט־אָן אַ מורא!)
זיי שטייען און שאָקלען זיך ווייס פאַרפרוירן.
פלוצימדערינען דער וואַלד הויבּט אָן ברענען,
עס צישעט פון פייער אַרויס אַ געזיפץ,
אַלע
ביימער
ווערן
פענען
שרייבּן אין הימל אַ פלאַמיק געשריפטס.

דער ים און דאָס לאַנד, דאָס פעלד און דער וואַלד
שרייבּן אַ כתב אין אַ שפיגל.
אותיות שרייען געוואַלד
און פליען מיט ברענענדע פליגל.

עס קלאַפּן די שליסל ווי העק
איבּער קעפּ פון די ברידער.
די אותיות פליען אַוועק
און איך פאַל אַנידער.

און דאָס פּאַפּיר איז אַ שטורמישער ים,
דאָס פּאַפּיר איז אַ שלאַכטפעלד,
אַ פאַרמעט פון געטאָ אין פלאַם
און איר ווייִנענדער נאַכטוועלט.

די שרייבּ־מאַשין ברענט
און איך בּין אין פייער,
עס קלאַפּן די הענט,
און די אותיות שרייען:

פון מדבר — אויף עלענטן וועג אין דעם גרויסן אַליין
וואַנדערן יידן און זוכן אַ היים.
דער האַלדז האָט פאַרגעסן אין הונגער און דאָרשט,
דאָס אויג שטעכט די ווייטן און גישטערט און פאָרשט.
אויף שטרעקעס פון הפקר אין גליענדן זאַמד
וואַנדערן יידן און זוכן אַ לאַנד.

# דער טויטער שיפער

פון דוד אײנהאָרן

די טרערן זיינען אַלע אויסגעוויינט געוואָרן
און אָפּגעשווענקט די שרעקן פון זכרון;
געבּליבּן בלויז איז טרויער, גרויער, טיפער,
וואָס וויגט, ווי כוואַליעס אום אַ טויטן שיפער.

די שיף, זי ליגט אין אָפּגרונט לאַנג פאַרזונקען
און טיף מיט איר נישט איין געליבּטער ברודער.
אָ, דאַן, ווען אַלע שטערן האָבּן איר געוווּנקען,
איז שוין דער טויט געשטאַנען ביי איר רודער.

אומזיסט די נייע פאָנען אויפגעהאָנגען,
אומזיסט די נייע זעגל אויפגעצויגן,
אומזיסט דעם אַלטן, גוטן פאָרט פאַרלאָזן,
אין פרעמדע ווייטן אויסגעקוקט די אויגן.

נאָר וואָס געוועזן, דאָס איז דאָך שוין פאַרפאַלן —
די כוואַליעס גייען און די כוואַליעס קומען,
די אויפגעשוימטע קאַמען אין לבנה שטראַלן,
זיי בּלייבּן אַרום מיר ווי גרויסע ווייסע בלומען.

אָ, וויג מיך טרויער וויג, ווי אין אַ ווייכן אָרעם,
דו בּיסט דאָך שוין ביים וויגל מיינס געשטאַנען,
האָסט מיר מיט גרויען חן פאַרצירט מיין יוגנט,
ווען איך האָבּ דיר נאָך נישט גענוג פאַרשטאַנען.

דאַן האָסטו מיך געפירט אין פוסטע שולן,
דעם לעצטן זיפץ צו הערן פון בעל־תפילה,
צו זעען דעם לעצטן יידן דאָרט פאַרשווינדן
אין נעפּל פון אַ תשרי־נאַכט אַ שטילע.

איך בּין מיט דיר געגאַנגען, ווי פאַרכישופט,
לעם מיר די שכינה איינגעהילט אין שוואַרצן,
דורך פוסטע גאַסן, וויסט פאַרלאָזטע הייזער
מיט אַ געוויין אַ בּיטערן אין האַרצן.

עס איז געווען אַ פאָרגעפיל אַ שטומער,
גלייך ווי די ערשטע געלע בלאַט סוף זומער,
וואָס גליצט זיך אומבאַמערקט דורך גרינע צווייגן
און פילט דעם וואַלד אָן מיט געשפּאַנטן שווייגן.

איצט זיינען ליידיק דאָרטן אַלע שולן —
אַ היים פאַר פלעדערמייז און אַלטע סאָוועס,
בּית־עלמינס איינזאַמע, ווו קיינער וועט נישט
קומען מער אַהין אויף קבר אבות.

אָ, וויג מיך, טרויער, וויג אויף ווייכע כוואַליעס
און זאָלן זיי מיך אָט אַזוי פאַרטראָגן
צום אינדזל, ווו דער נביא ירמיהו
זיצט אַניבּיק איינזאַם און גיסט אַניס זיין קלאָגן.

דאָרט לאָז מיך ליגן אויפן בּרעג דעם וויסטן
צווישן פעלדזן נאַקעטע און הערן
דעם אייבּיקן געוויין פון גרויסן חורבּן
אונטער אַ הימל גרוי און פוסט אָן שטערן.

BPJPL
CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

יעקב לעשטשינסקי

# דאָס נייע בילד פונעם אייראָפּעישן יידנטום

אַריינפיר.

גיין, נישט קיין זעקס מיליאָן יידן האָבן מיר פאַרלאָרן אין די לעצטע עטלעכע קורצע יאָר, נאָר אַ סך, אַ סך מער!

גיין, נישט דאָס אייראָפּעישע יידנטום אַליין איז חרוב ונחרב, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק לעבט איבער אַ חורבן, אַ פיזישן, אַ פּאָליטישן, אַן עקאָנאָמישן, אַ נאַציאָנאַלן, אַ גייסטיק־מאָראַלישן — אַ חורבן, וועלכן ס׳איז נישט צו מעסטן נישט מיט די אומגעהויערע פיזישע קרבנות פון מער פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק און פון בערך צוויי דריטל פונם אייראָפּעישן־יידנטום און שוין אודאי און אַודאי נישט מיט די מאַטעריעלע שאָדנס פון ביליאָנען דאָלערס.

ווייל די פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן יידן פון אייראָפּע באַדייט פון ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון נאַטירלעכן וווּקס פון אונדזער פאָלק און פון פּערספּעקטיוון פאַר זיין ביאָלאָגישע רעגענעראַציע פיל, פיל מער ווי די פאַרלאָרענע קרוב 40 פּראָצענט פון דער אַבסאָלוטער צאָל יידן אין דער וועלט. ווייל דער חורבן פונם אייראָפּעישן יידנטום, פון דאָזיקן טויזנט־יאָריקן גייסטיקן צענטער פונם וועלט־יידנטום, באַדייט נישט נאָר אַ פאַרלוסט פון אַזאַ און אַזאַ גרויס און אינטענסיווקייט אין אונדזער מזומ׳ענעם נאַציאָנאַלן קולטור־גייסטיקן פאַרמעג. נאָר דאָס מוז ברענגען צו אַ גאַנצער איבערקערעניש אין אַלע, אונדזערע פּערספּעקטיוון אויף נאַציאָנאַלן המשך אין די צענדליקע תפוצות פון יידישער צעשפּרייטקייט און צעוואָרפנקייט; און דאָס פאַרמינערט אויך אין נישט קיין קלענער מאָס אונדזערע שאַנסן און פּאָטענצן פאַרן אויפבוי פון אַ נייעם לעבן אין ארץ־ישראל.

ס׳זיינען דאָך איבערגעריסן, ריכטיקער אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל אַלע אינערציעס, אַלע טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק איידער ס׳האָבן נאָך באַוויזן געשאַפן צו ווערן גענוג פאַרוואָרצלטע און גענוג באַפרוכפּערונג — גאַראַנטירנדיקע נייע טראַדיציעס און אינערציעס אין די נייע ישובים — ס׳זיינען לכן פאַרניכטעט געוואָרן די וויכטיקסטע יסודות פון אונדזער קבוץ־לעבן איידער די אַרויסגעראַטעוועטע קליינע ירושה האָט באַוויזן צו שלאָגן אין די נייע ערטער אַזוי טיף אירע וואָרצלען, אַז זיי זאָלן געבן פון זיך זעלבסט זאַפט און זאָלן נישט זיין אָנגעוויזן אויף אַן אומויפהערלעכן צושטראָם פון פיזישער און גייסטיקער נאַציאָנאַלער ענערגיע פונם גרונט־קוואַל.

מיר זיינען נאָך גאָר נישט אימשטאַנד אָפּצומעסטן און אָפּצוּוועגן דעם גאַנצן היסטאָרישן פאַרנעם פונם יידישן חורבן אין געגעבענעם מאָמענט, ווען די מאַסן־קברים אין אַ פּאָר צענדליק אייראָפּעישע לענדער הויבן זיך נאָך מיט פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער פאַרשאָלטענער וועלט מיט איר גלייכגילטיקייט צו די מאָרדן, און נישט ווייניקער גלייכגילטיקייט צו די לעבן געבליבענע. כאָטש מיר פילן שוין גאַנץ גענוג, ווי שטאַרק ס׳איז געפאַלן דער נאַציאָנאַלער קולטור־גייסטיקער פּאָטענציאַל פונם גאַנצן צעשאָטענעם גלות־יידנטום; ווי ס׳זיינען שוין פאַרמאָגערט און אָפּגעשוואַכט געוואָרן זיינע אָנשטרענגונגען אויף צוהאַלטן זיך אויף די פאַרפלייצנדיקע אַסימילירן־כוואַליעס פונם אַרומיקן פרעמדן ים. כאָטש מיר פילן שוין גאַנץ גענוג, אַז אָן דעם מענטשן־קוואַל פונם גרויסן היסטאָרישן יידן־רעזערוואַר פון מזרח־אייראָפּע, אָן דעם אָפּקלייב פון זיינע בעסערע און ווערטפולערע פיזישע און גייסטיקע עלעמענטן ווערט נישט נאָר דער פיזישער אויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס אַ לאַנד מיט אַ באַדייטנדיקער יידישער מערהייט געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן, נאָר דער גאַנצער כאַראַקטער פונם ישוב אויסגעפורעמט און אויסגעשטאַלטעט פון די קינדער פון מזרח־אייראָפּעישע געטאָס, ווערט פּראָבלעמאַטיש. דער ארץ־ישראל׳דיקער ישוב, יונג און צאַרט, קוים פאַרפלאַנצט און באַגאָסן מיט יידישן שווייס און מיט נישט ווייניקער בלוט, ווערט געשטעלט אין אַ סכנה אַראָפּצוגליטשן זיך פון יענעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און נאַציאָנאַלן־פּראָגרעסיוון וועג, וועלכן ס׳האָט מיט אַזויפיל מי און טאַלאַנט דורכגעלייגט די עליה השניה — דער דאָזיקער גבורים־דור אידעאַליסטן פון אַ גאַנץ באַזונדערס אייגנאַרטיקן נוסח, פון אַ גאָר אויסנאַמעדיקער נס־קאָמבינאַציע פון דער רייכער ירושה פון דער אַלטער און נייער העברעיש־יידישער קולטור מיט דעם תמצית פונם דעמאָלטדיקן רעוואָלוציאָנער־אידעאַליסטישן וועלט־סאָציאַליזם, מיט דעם צוגאָב פונם רוסישן פאָלק־וואָרצלדיקן און פאָלק־אויסלייזערישן סאָציאַליזם.

מיר האַלטן נישט פון דער טעאָריע, אַז מען דאַרף זיך קנייפּן אין באַק, אַז די פאַרב זאָל שטייען — אַז מיר דאַרפן נישט אויפדעקן אונדזערע ווונדן אין זייער גאַנצער טיף און דראָענדיקער סכנה. פונקט פאַרקערט — מיר האַלטן פאַר מאָראַליש פאַרפליכטנדיק צו זאָגן דעם גאַנצן אמת, ווי טרויעריק און פאַטאַל ער זאָל נישט זיין, ווייל מיר גלויבן אין געזונטן אינסטינקט פון אונדזער פאָלק; ווייל מיר גלויבן אין זיין היסטאָרישן חוש; ווייל מיר גלויבן באמת אין דעם נצח ישראל לא ישקר. מיר האָבן לכן קיין מורא נישט צו עפענען פאַר זיינע אויגן דעם גאַנצן תהום, וואָס דראָט אונדז איינצושלינגען — דווקא דער אמת וועט טרייבן צו דער מאַקסימאַלער אָנשטרענגונג פון פאָלק־קרעפטן, צו אַ מאַקסימאַל אָנגעשטרענגטער קאָנצענטראַציע פון ווילן פון גאַנצן פאָלק, אָדער לכל הפחות פון זיינע געזונטע נאַציאָנאַלע רצון־פייקע און רצון־באַגייסטערטע עלעמענטן אויף דורכצופירן אַ רעוואָלוציע אין דעם גאַנצן גאַנג פון אונדזער געשיכטע. דווקא פנים אל פנים מיט דער גרעסטער נאַציאָנאַלער סכנה וועט דער געזונטער היסטאָרישער אינסטינקט פון פאָלק אים פירן אויפן וועג פון גרעסטער עקאָנאָמיע פון נאַציאָנאַלע כוחות — און דאָס מיינט צענטראַליזאַציע פון פאָלק־ענערגיע אויף יענעם היסטאָרישן באָדן, וואָס זאָגט צו דעם מאַקסימום פון המשך־רינגען פאַר דער גאָלדענער קייט, וואָס איז אַזוי באַרבאַריש איבערגעריסן געוואָרן אין אייראָפּע; צענטראַ־

BPJPL JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

ליזאַציע אויף יענעם וווּנדערבאַרן בנין, וואָס איז ממש על פּי השגחה־נס, ווי יבנה בזמנה, אָנגעבּרייט געוואָרן ערב דער קאַטאַסטראָפע, ווי מיטן אַ ספּעציעלן ציל, אַז אונדזער פאָלק זאָל נישט פאַרצווייפלען, זאָל האָבן בּיי וואָס זיך אָנצוכאַפּן און טרייבּן ווייטער זיין שיף פון קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

גענויס, גענויס, יעדער טראָפּן אַנטפּלעקונג פון יידישער נאַציאָנאַלער שעפערישער ענערגיע אין יעדער תפוצה בּישראל, ווי קליין און ווי ווייט די לעצטע זאָל נישט זיין, איז אונדז איצט נאָך פיל טייערער ווי פאַר דער קאַטאַסטראָפע; און דער קיום פון יעדן איינצעלנעם יידן, מעג ער פאַרוואָרפן ווערן פון זיין פאַרשאָלטענעם יידישן גורל אפילו הינטער די הרי חושך, איז איצטער דערהויבּן געוואָרן צו דער גרויסער מצוה פון „כל המקיים נפש אחת מישראל כּאילו קיים עולם מלא" — מיר זיינען דאָך אַ סך ווייניקער געוואָרן, פאַר־יתום־טער געוואָרן, נאַציאָנאַל־גייסטיק אַ סך אָרימער געוואָרן. אָבער אין דער זעלבער צייט מוז טויזנט און טויזנטער מאָל באַטאָנט ווערן, אַז ווער ס׳ציט אָפּ כוחות פון דעם צענטראַלן נאַציאָנאַלן בנין; ווער ס׳קערעוועט אָפּ די פאָלק׳ס נשמה און מוח פון דער צענטראַלער היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערער אויפגאַבּע פון איבּערקערן ראַדיקאַל דאָס בּלאַט פון אונדזער געשיכטע; ווער ס׳שטערט דער צענטראַליזאַציע פונם פאָלק־רצון אויף מאַכן אַ שפּרונג פון גלות אין אַן אייגענער היים, פון נע ונד אויף תושב ווערן, פון עבדות בּתוך עבדות און עבדות בּתוך חרות אין חרות בּתוך חרות כאָטש פאַר אַ טייל פון אונדזער פאָלק, דער באַגייט איצט אַ פיל גרעסערן פאַבּרעכן ווי פאַר דער קאַטאַסטראָפע.

און ווייל מיר פאַרשטייען אויף אַזאַ אופן די גרויסע אויפגאַבּע פון אונדזער דור, האָבּן מיר קיין מורא נישט קוקן דעם פינצטערן אמת אין די אויגן און האַלטן פאַר אונדזער חוב מאַכן אַן אָפענעם סך־הכל נישט נאָר פון דעם וואָס מיר האָבּן פאַרלאָרן, נאָר אויך פון דעם בּיי וואָס מיר זיינען געבּליבּן — בּיאָלאָגיש, נאַציאָנאַל, פּאָליטיש און גייסטיק־קולטורעל. ערשט דער חשבּון פון אונדזער שרעקלעכן דלות אין פרט פון יסודות פאַר אַ ווייטערן נאַציאָנאַלן לעבּן אין גלות, פון אונדזער שרעקלעך אָפּגעשוואַכטן בּאָדן פאַר אַ ווייטערן קאַמף פאַרן נאַציאָנאַלן המשך צווישן פרעמדע פעלקער — ערשט דער דאָזיקער קאַלטער, זאַכלעכער, אָפנהאַרציקער חשבּון־הנפש וועט אונדז ווייזן, ווי מיר טרינקען זיך נאַציאָנאַל אַבּסאָלוט אין אַלע לענדער פון דער גאָרער וועלט.

יאָ, דאָס זיינען די סאַמע ריכטיקסטע ווערטער פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן מצב אין דער גאָרער וועלט — מיר טרינקען זיך! בּאו מים עד נפש — בּיז די סאַמע וואָרצלען פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום! ווו בּנשיקה און ווו בּסקילה — פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט זיינען בּיידע מיתות גלייך געפערלעך. און אָך און ווי איז צו אונדזער דור, וואָס האָט געוואַרט בּיז דער קאַטאַסטראָפע פון זעקס מיליאָן דערמאָרדערטע בּרידער און שוועסטער און בּיז די קוואַלן פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור האָבּן גענומען אויסטרוקענען אין מאַסשטאַבּן, וואָס האָבּן אָנגעהויבּן אַריינוואַרפן אין פאַרצווייפלונג אפילו די בּלינדסטע פון אונדזערע געשווירענע אָפּטימיסטן — און נאָר געציילטע גבּורים האָבּן די ערד־ציטערניש דערשפּירט מיט אַ האַלבּן יאָרהונדערט פריער און אויך בּאַצייטנס געוואָרנט דאָס פאָלק פאַר דעם ווולקאַן, וואָס אָט, אָט נעמט ער שפּייען מיט בּליי, אום פיזיש אונדז צו פאַרניכטן (היטלער!) און אַנדערשוווּ מיט גאָלד, אום נאַציאָנאַל גייסטיק אונדז אָפּצווישן פון דער וועלט (אַמעריקע).

## א) די געענדערטע אַרומיקע וועלט.

אַלץ אַרום אונדז האָט בּאַקומען עפּעס ווי אין איין היסטאָרישן כהרף־עין אַ נייעם פּנים און אַ נייעם תּוך — נישט נאָר דאָס חרובע געפאַלענע אייראָפּע מיט אירע שפּאָגל נייע נאַציאָנאַלע גרענעצן און ראַדיקאַלע איבּערקערנדיקע מענטשן־איבּערטאַשונגען און טראַנספערן; מיט אירע וואַקלדיקע טומטום ואַנדרוגינוס׳דיקע פּאָליטישע סיסטעמען; מיט אירע נאָך מער וואַקלדיקע דור הפלגה׳דיקע עקאָנאָמישע סדרים, מיט אירע צעשויבּערטע און ערשט רייפנדיקע צווישן־מענטשלעכע, צווישן־קלאַסנדיקע און צווישן־פעלקערלעכע בּאַציונגען, נאָר ממש די גאַנצע וועלט בּייט פאַר אונדזערע אויגן איר פּנים און איר געבּיי, ־ציט אַרויף אויף זיך אַ נייע געזעלשאַפטלעכע הויט, ווייל דער סאַמע תּוך פון די לעבּנס־בּאַציונגען האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט.

מיר פאַרשטייען מיט אונדזער אין געשיכטע געאיבּטן דיינק־אַפּאַראַט, אַז ערגעץ אין די טיפענישן פון די פעלקער־גורלות האָבּן צענדליקע יאָרן געריפט פּראָצעסן; וועלכע האָבּן צעפרעסן די אַלטע פאַרעלטערטע סיסטעמען און סדרים און לאַנגזאַם און אָרגאַניש פאַרלייגט פונדאַמענטן און אפשר אויך אפילו שוין גאַנצע אָדער האַלבּע ווענט פאַר נייע געזעלשאַפטלעכע בּנינים און אָרדענונגען. די אַנטפּלעקונג אָבּער פונם נייעם פּנים פון דער וועלט, די אויפדעקונג פונם וועלט־שלייער, דער אַריבּערשפּרונג איבּער דעם תּהום פון דער אַלטער וועלט צו דער נייער — דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען מיט אַזאַ פּלוצימדיקער ווולקאַנישער ערד־ציטעניש און מיט אַזעלכע פאַרטויבּנדיקע קולות וּבּרקים, אַז ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער רבּונו של עולם וואָלט צופעליק געכאַפּט אַ קוק אין וועט־שפּיגל און דערזעען די אַלטע וועלט אין איר גאַנצער מיאוסער געשטאַלט: מיט אַלע אירע מכּות און ווונדן, מיט אַלע אירע אַרבּע מיתות, מיט אַלע אירע גזילות און גנבות, מיט אַלע אירע פאַלשקייטן און נידערטרעכטיקייטן, מיט אַלע אירע געפאַלנקייטן און זעלבּסט־נאַרערייען, מיט אַלע קריכערייען פון די שוואַכע און בּייטשן פון די שטאַרקע. דערזעען און ויהי חושך, ס׳איז אים, דעם שאַפער פון דער וועלט, געוואָרן פינצטער אין די אויגן! און פון כּעס און פאַרצווייפלונג האָט ער גענומען שליידערן אין תּהום אַריין שטיקער אַלטע וועלט — אַ הונדערט מיליאָן מענטשלעך אין טייכן בּלוט; טעלעכע טויזנט שטעט אין חורבות און רוינען; צענדליקע מיליאָנען מענטשן אויף די גאַסן אַלס בּעטלערס, נאַקעטע און בּאָרוועסע, קרעציקע און פאַרלייזטע, אַ שיינדל אויף אַלע וועגן פון דעם מיחום־קאָנטינענט, וואָס שטאָלצירט מיט געבּן דער מענטשהייט די מערבּ־ציוויליזאַציע; מאַמעס און טאַטעס, צעשיידטע און אָפּגעריסענע פון די קינדער, און קינדער אָן אַ שיעור אָן טאַטעס און אָן מאַמעס, ספק־יתומים, ספק סתם עלטערנלאָזע און אַזוי ווייטער.

אָבּער ס׳איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז נאָך ויהי חושך קומט, מוז קומען ויהי אור! קיינער ווייסט נאָך נישט ווי דער דאָזיקער ויהי אור וועט קאָנקרעט אויסזען. דערווייל איז דאָס פּנים פון דער נייער וועלט, געזעען אפילו דורך

BPJPL CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES · SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES · FONDS SPÉCIAUX

וועלכער זאָל זיך לאָזן שווימען אין אַ ים, ווו געניטע און רירעווודיקע ייִדן זייִנען געוועזן די הערשער.

דערקלערט זיך נישט אפשר די דערמאָנטע ליבע צו ייִדן און די טענדענץ זיי נישט אַרויסצולאָזן פון די דאָזיקע לענדער מיט די נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע שטאַטלעכע נויטן? געווים, שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָלע די אידעאָלאָגיע פון די לינקע רעגירונגען, אָבער שטעקן נישט הינטער דער לינקער אידעאָלאָגיע נייַע גאַנץ רעאַלע ערדישע אינטערעסן? האָבן מיר דאָ נישט קיין אהבה התלויה בדבר? און דערמאָנט אונדז נישט די דאָזיקע ליבע, מוטאטיס מוטאנדיס, די ליבע פון די אַמאָליקע רעגירונגען, וועלכע האָבן איינגעלאַדן אין זייערע לענדער רייכע ייִדן, ביי וועלכע זיי האָבן געליען געלט און וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו אַנטוויקלען האַנדל און אינדוסטריע? נישט נאָר די געשיכטע־שרייבער חזר'ן זיך איבער, נאָר אויך געשיכטלעכע געשעענישן חזר'ן זיך אַמאָל איבער. און באַזונדערס אָפט זייִנען אַזעלכע פאַלן געוועזן אין דער ייִדישער געשיכטע. דערמיט זאָל נישט געזאָגט ווערן, אַז די פּראָלעטאַרישע עמאַנסיפּאַציע מוז גיין אין אַלץ אין די דרכים פון דער בורזשואַזער עמאַנסיפּאַציע און דער סוף מוז אויך זיין אַזאַ פאַטאַל־טרויעריקער. חוץ גירושים און אויסראָטונגען איז נאָך פאַראַן מיתה בנשיקה, און דער דאָזיקער מאָמענט מוז באַטראַכט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עקאָנאָמישער ראָלע, וועלכע שטייט פאַר ייִדן אין די לענדער פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע, ווו די סאָציאַליזאַציע אָדער פאַרשטאַטלעכונג וועט געווים גיין שנעלער און אינטענסיווער, ווי אין די לענדער פון מערב־און צפון־אייראָפּע.

פאַרשטייט זיך, אַז די נאָר וואָס קאָנסטאַטירטע „ליבע” אָדער אינטערעס אין ייִדן אין די אויסגערעכנטע לענדער איז נישט קיין סתירה צו די ידיעות וועגן דעם געשטיגענעם אַנטיסעמיטיזם אין דער באַפעלקערונג. די איינלאַדונג קיין ווין פון די אָפּנהיימערס און ווערטהיימערס פון זעלבן פאַנאַטישן עסטרייך מלך, וועלכער האָט ערשט נישט לאַנג אַרויסגעטריבן די ייִדן, אַלס יעזוס'עס פיינט און כדי צו באַפרידיקן די פאָדערונג פון ווינער מאַגיסטראַט, האָט געווים נישט באַדייט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז דעמאָלט שוואַכער געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט פון עסטרייך. און ווען דער פּרייסישער קעניג האָט אויסגעקליבן אַרום 50 רייכע משפחות פון די אַרויסגעטריבענע פון ווין ייִדן און האָט זיי געגעבן וווין־רעכט אין בראַנדענבורג, ווו קיין ייִדישער פוס האָט נישט געטאָרט טרעטן הונדערטער יאָרן, האָט ער אויך נישט געפרעגט ביי דער באַפעלקערונג, צי זי האָט שוין ליב ייִדן און וועט שוין מער קיין פּאָגראָמען נישט מאַכן. נישט די פּאָליאַקן סתם אָדער רומענער סתם אָדער מאַדיאַרן סתם בעטן זיך ביי די ייִדן אַז זיי זאָלן בלייבן און זאָלן נישט אויסוואַנדערן קיין א״י — זיי האָבן מורא פאַר ייִדישע פאָדערונגען פון די רעשטלעך פון זייער האָב און גוטס, פאַר נייע ייִדישע קראָמען אָדער וואַרשטאַטן און וועלן זיך געווים נישט נאָר נישט נעמען צום האַרצן, נאָר זיין שטאַרק צופרידן אַרויסצובאַגלייטן פון זייערע לענדער די שארית־הפליטה פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. די אמת'ע נויטן אָבער פון די לענדער, וועלכע שטייען ערב איינפירונג פון אַ נייעם עקאָנאָמישן סיסטעם, ווייסן די רעגירונגען, די באַרופענע דורכצופירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, און זיי, טאַקע נאָר זיי אַליין זייִנען די פּאַקטישע טרעגער פון יענער „ליבע”, וועלכע וויל נישט אַרויסלאָזן די ייִדן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער טעמע — צו די ייִדישע באַשעפטיקונגען אין דעם קומענדיקן אייראָפּע.

ס'איז איבעריק איבערצו'חזרן, אַז אַסימילירט האָבן זיך ביי ייִדן דער עיקר יענע עלעמענטן, וועלכע זייִנען געוועזן אַם טיפסטן אַריינגעגלידערט אין דער אַרומיקער עקאָנאָמיק, זייִנען געוועזן אַם שטאַרקסטן פאַרבונדן און פאַרפלאָכטן מיט זייערע שייכות'דיקע קלאַסן. דאָס זייִנען געוועזן די גרויס־בורזשואַזיע, אין אַ קלענערער מאָס די מיטל־בורזשואַזיע און אין גאָר אַ גרויסער מאָס די פּראָפעסיאָנעלע און גייסטיקע אינטעליגענץ. דאָס קליינבירגערטום, דער זעלבסטשטענדיקער האַנטווערקער, די ייִדישע אַרבעטער פון דער מלאכה און פון דער קליין־אינדוסטריע — אָט די דאָזיקע אַם שטאַרקסטן עקאָנאָמיש איזאָלירטע פון אַרומיקער וועלט עלעמענטן, זייִנען געוועזן די פּאַקטישע טרעגער פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור. די פּאָליטישע און סאָציאַלע אַקטיוויקייט פון יעדן קלאַס האָט געווירקט אויף דער מדרגה פון זיין קולטורעלער אַקטיווקייט און ממילא אויף דעם אָנטייל אין דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור. דערמיט דערקלערט זיך דער פיל אַקטיווערער אָנטייל פון ייִדישן אַרבעטער־קלאַס אין שאַפן אינסטיטוציעס פאַר דער אַנטוויקלונג פון ייִדישן קולטור־שאַפן. אָבער אָרגאַניש זייִנען אַלע אויסגערעכנטע דריי גרופּעס געוועזן די טרעגער פון ייִדישע נאַציאָנאַלע לעבנס פאָרמען און לכן פון ייִדישע נאַציאָנאַלע קולטורעלע שאַפונגען.

די גרויס־אינדוסטריע און דאָס באַאַמטנטום, צווייגן, אין וועלכע ייִדן, אַלס מאַסן, זייִנען געוועזן גאָר קנאַפּ באַשעפטיקט אין מזרח־אייראָפּע, זייִנען לויט זייער נאַטור אפילו אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט מער אַסימילירפייִק, ווי אַלע אַנדערע ווירטשאַפט־צווייגן. שוין דאָס אַליין וואָס אין די דאָזיקע צווייגן מוז דער ייד זיין אַ נישטיקע מינדערהייט ווירקט אויף זיין טיפערע טענדענץ זיך מער צוצופּאַסן צו דער שפּראַך און צו די זיטן פון דער אַרומיקער מערהייט. אין דער גרויסער פאַבריק, ווו דער ייִדישער אַרבעטער מוז אויסמאַכן אַ קליינעם פּראָצענט, וועט ער נישט נאָר נישט זינגען קיין ייִדיש ליד ביי דער אַרבעט, נאָר ער וועט אפילו אויסמיידן צו רעדן מיט זיין ייִדישן קאָלעגע ייִדיש און וועט אפשר אויך אויסמיידן צו לייענען אַ ייִדישע צייטונג בפרהסיה. וויפל מען זאָל נישט פּרעדיקן, אַז דאָס איז קנעכטשאַפט און געפאַלנקייט, וועט דאָס נישט העלפן — ס'ליגט אין דער נאַטור פון יעדן מענטש צו שטרעבן וואָס ווייניקער זיך אויסצוטיילן פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט און וואָס ענלעכער צו זיין צו יענע מיט וועמען ס'קומט אוים צו פאַרברענגען אַ גוטן טייל פון לעבן. דער באַאַמטער איז אין דעם פּרט נאָך מער „שקלאַף”.

אין דער סאָציאַליסטישער, צי אָן, צי מיט געגנזנפּיסלעך, געזעלשאַפט מוז דער דאָזיקער פּראָצעס גיין אינטענסיווער און טיפער, ווייל דער אַרבעטער און באַאַמטער איז מער נישט קיין פּאַסיווער אויספילער פון באַפעלן און געבאָטן פון בעל־הבית אָדער העכערן באַאַמטן, נאָר אַ מיטשותף צו דער אַרבעט. נישט וויכטיק, צי ער איז טאַקע אַן אמת'ער ווירקער אויף דעם ענד־כאַראַקטער פון דער אַרבעט. קאָן זיין, אַז נישט. אָבער דער אַרבעטער און

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

דער באַאַמטער אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט מוזן ווערן באַטייליקט אין אַלע פּלענער, וועלכע ווערן אויסגעאַרבעט און באַטראַכט — דער אַרבעטער לכן באַטייליקט זיך אין צענדליקע פאַרזאַמלונגען און זיצונגען, אין וועלכע ער איז אַן איינצעלנער אָדער אַ קלײנער מיעוט און מוז דאָך זיך זוכן נישט נאָר צוצופּאַסן שפּראַכלעך און אין הילוך, נאָר אויך אינטימער און טיפער.

דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט הן בנוגע דער שפּראַך און הן בנוגע דער אַלגעמיינער צופּאַסונג קאָן מען אילוסטרירן מיט צענדליקע און הונדערטע פאַלן פון דער געשיכטע פון יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די לעצטע 25 יאָר — ביי אויסערלעך גינציקסטע באַדינגונגען פאַר נאַציאָנאַלער קולטור־אַנטוויקלונג האָט די אַסימילאַציע געמאַכט די גרעסטע דערפאָלגן. און דאָס איז דאָך פאָרגעקומען נישט נאָר אין די ווייטע גרויס רוסישע גובערניעס, וווּהין גרויסע טיילן פון סאָוויעטישן יידנטום האָבן איבערגעוואַנדערט און זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ גרויסער מאַסע אַרבעטער און באַאַמטע פון איין נאַציאָנאַלן שניט און פון אַ הויכער הערשנדיקער גרויס־רוסישער קולטור. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזר׳ט אפילו אין אַזעלכע יידישע שטעט, ווי האָמל, וויטעבסק, פינסק, קיעוו, אָדעס און אפילו אין בערדיטשעוו, דאָס הייסט אין שטעט, וווּ יידן האָבן אויסגעמאַכט אַ הויכן פּראָצענט און וווּ הונדערט יאָריקע טראַדיציעס האָבן נאָך געהאַט אַ גאַנץ פיינע השפּעה אויף די מאַסן. קאָן מען זיך גרינג פאָרשטעלן, וואָס ס׳וועט פאָרקומען אין אַ פּוילן מיט צוויי אָדער דריי הונדערט טויזנט יידן, וועלכע וועלן אויסמאַכן קוים איין פּראָצענט און וועלכע וועלן קומען אין שטעט אָן קהילות, אָן טראַדיציעס און אינערציעס, אָן יעדער יידישער איינגעפונדעוועטער און אויסגעפורעמטער סביבה.

נאָר דאָ זיינען מיר צוגעקומען צו דער פראַגע וועגן דער יידישער מינדערהייט אין דעם קומענדיקן אייראָפּע, און די דאָזיקע פראַגע פאַרדינט אַן ערנצטערע באַהאַנדלונג.

## ב) נאַציאָנאַלע שטאַטן און נאַציאָנאַלע מיעוטים.

דאָס 19טע יאָרהונדערט איז די עפּאָכע פון דער באַפרייונג פון די פעלקער. אַלע קליינע פעלקער פון אייראָפּע זיינען אין דער אָדער יענער מאָס געוואָרן אין 19טן י״ה שטאַטלעך קאָנסאָלידירט און אָרגאַניזירט. די לענדער, וועלכע ליגן צו מערב פון דייטשלאַנד, אַלזאָ אַלע לענדער, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן קאַפּיטאַליסטיש אַנטוויקלען שוין אין 16 און 17 יאָרהונדערט, האָבן פאַרענדיקט זייער נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידאַציע און דערגרייכט זעלבסטשטענדיקע שטאַטלעכקייט שוין צום אָנהויב 19טן יאָרהונדערט. די גרויסע פעלקער, ווי פראַנקרייך און ענגלאַנד וועלכע האָבן געהאַט נישט ווייניקער שפּראַך־נוסחאות און אפילו שטאַם־באַזונדערקייטן, ווי דייטשלאַנד, האָבן פאַרענדיקט זייער נאַציאָנאַלע קאָנסאָלידאַציע שוין צום 17טן יאָרהונדערט. די קליינע פעלקער, ווי שוועדן, נאָרוועגיע, דענעמאַרק, האָלאַנד און בעלגיע האָבן נאָך הונדערט יאָריקע מלחמות און קאַמפן, קעגנזייטיקע אויסראָטונגען און פאַרניכטונגען זיך באַרויקט, זיך נאַציאָנאַל צעגרענעצט, זיך קאָנצענטרירט דער עיקר אויף אינעווייניקסטער אינטענסיווער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, זיך אָפּגעזאָגט אַבסאָלוט פון יעדן עקספּאַנסיע־פּרווו אויפן חשבון פון אַ שכן, פאַרקערט אָנגעהויבן נישט נאָר לעבן בשלום איין פאָלק מיטן צווייטן, נאָר איבערגעגאַנגען צו שותפות׳דיקע קולטור־אַרבעטן, צו קעגנזייטיקע עקאָנאָמישע שטיצונגען און אפילו צו געמיינזאַמע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען.

דער דאָזיקער טייל פון אייראָפּע, חוץ בעלגיע, האָט אין משך פון גאַנצן 19טן יאָרהונדערט שוין נישט געוווּסט פון קיינע נאַציאָנאַלע קאַמפן פון דעם נוסח, ווי מיר האָבן עס געהאַט און דערביי אין אַזעלכע שאַרפע פאָרמען אין מזרח־ און דרום־אייראָפּע. דער פּראָצעס פון שטאַטלעכער קאָנסאָלידאַציע פון אַלע פעלקער פון דאָזיקן טייל פון אייראָפּע, פון אינדוסטריעל אַנטוויקלטסטן און פּאָליטיש רייפסטן, וואָס איז געווען פאַרענדיקט אָנהויב 19טן יאָרהונדערט, איז אין משך פון דאָזיקן רייכסטן און שפּעדיקסטן יאָרהונדערט אָרגאַניש אַריבערגעוואַקסן אין אַ נייעם פּראָצעס פון פרייוויליקן פאַראייניקן זיך פאַר געמיינזאַמע צילן. די שטאָטלעכע קרובה׳שאַפט פון די אַלע צפון־פעלקער, וועלכע האָט אַמאָל געטריבן צו מלחמות מיטן ציל צו פאַרשלינגען איינער דעם אַנדערן, זוכנדיק אַ באַרעכטיקונג דווקא אין דער שפּראַכלעכער נאָענטקייט און פאַרוואַנטשאַפט, האָט ערב דער איצטיקער מלחמה אָנגענומען פּאָזיטיווע טענדענצן, און אַ גאַנצע רייע דערשיינונגען פון קעגנזייטיקע און שותפות׳דיקע מעשים ווייזן אויף אַ קלאָרע שטרעבונג צו פּאָליטישער פעדעראַציע. נאָך הונדערט יאָריקע קאַמפן פאַר נאַציאָנאַלע סעפּעראַציע אום אויסקריסטאַליזירן די אייגענע נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע און זיך פאַרזאָרגן מיט די נויטיקע באַדינגונגען פאַר פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג איז געקומען דער פּעריאָד פון שלום־לעבן זייט ביי זייט, פון לעבן און לאָזן לעבן. ערב דער איצטיקער מלחמה איז שוין געקומען די דריטע סטאַדיע פון דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג — די סטאַדיע פון פאַראייניקן קרובה׳שע פעלקער, איבערלאָזנדיק יעדן פאָלק דעם מאַקסימום זעלבסטשטענדיקייט און אייגנקייט אין קולטור און גייסט, אין יענע לעבנס־צווייגן, וווּ דער נאַציאָנאַלער זשעני קומט אַם פולסטן צום אויסדרוק. און אויב אויסערלעכע פאַקטאָרן וועלן זיך נישט אַריינמישן און וועלן לאָזן די פעלקער פון צפון־אייראָפּע גיין זייער אָרגאַנישן אַנטוויקלונג־גאַנג, וועלן מיר געוויס האָבן מיט דער צייט אַ פרייוויליקע פּאָליטישע פעדעראַציע, וואַרשיינלעך מיט ענגלאַנד אין דער שפּיץ.

אָט וואָס ס׳שרייבט איינער פון די בעסטע קענער פון לעבן פון די צפון־אייראָפּעישע פעלקער:

„ביז 1914 האָבן זיי (די סקאַנדינאַווישע מלוכות — י. ל.) געפירט צווישן זיך מלחמות, כמעט גאַנצע טויזנט יאָר; די לעצטע מלחמה איז געווען אין 1814. די מאָדערנע קאָלאַבאָראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער. פון 1872 האָבן די אַדוואָקאַטן־אַסאָציאַציעס פון דענעמאַרק, שוועדן און נאָרוועגיע זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער סקאַנדינאַווישער פאַראייניקונג. קאָמיטעטן פון אַלע דריי אַסאָציאַציעס האָבן צוגעגרייט אַלגעמיינע געזעצן. פאַר געלט־טשעקן, פאַר באַנק־מעטאָדן, פאַר חתונות און גט׳ן, פאַר ים־רייזעס, און די פּאַרלאַמענטן פון אַלע דריי לענדער האָבן זיי אָנגענומען. ווייטער זיינען אָנגענומען געוואָרן געמיינזאַמע געזעצן פאַר באַנקראָטן, וועגן די רעכט און פליכטן פון עלטערן איבער און צו זייערע קינדער — פינלאַנד און איזלאַנד זיינען צוגע־

שטאַנען צו די דאָזיקע געזעצן"*). דערציילנדיק וועגן דעם, ווי נאָך דעם לעצטן בירגער־קריג צווישן האָלאַנד מיט בעלגיע אין 1831 האָבן זיך די דאָזיקע לענדער צעטיילט, געוואָרן צוויי באַזונדערע זעלבסטשטענדיקע מלוכות און „געוואָרן די בעסטע פריינט, שטרעבנדיק אַלץ מער און מער צו געמיינזאַמע אַקציעס", גייט דער מחבר איבער צו ווייזן, ווי נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג האָט די טענדענץ צו געמיינזאַמע פּאָליטישע אַקציעס אַלץ גענומען וואַקסן ביי די סקאַנדינאַווישע לענדער. די רעגירונגען פון אַלע לענדער האָבן זיך געייניקט אויף געזעצן וועגן בלאָקאַדע, וועגן האַנדל און וועגן פאַרשיידענע אַנדערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. אָבער פיל אינטערעסאַנטער איז דער טייל, וואָס דערציילט, ווי פאַרשיידענע גרופּעס פון דער באַפעלקערונג האָבן אַליין אָנגעהויבן דורכפירן אַקציעס פון דערנעענטערונג — בישאָפּס, לערערס, פאַרמערס, הויזפרויען האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפטרעפן אויף קאָנפערענצן און זיך באַקאָנען און שליסן פריינטשאַפט צווישן זיך. אַ ווייטערער שריט איז באַשטאַנען אין דער פאַראייניקייט־לעכונג פון די לערן־ביכער. פריער האָט מען, למשל, געלערנט אין די שולן פון שוועדן, אַז דער קעניג קאַרל דער 12טער איז געווען אַ גרויסער העלד און אין די שולן פון דענעמאַרק און נאָרוועגיע האָט מען איינגע׳חזר׳ט מיט די קינדער, אַז דער זעלבער קעניג איז געווען אַ קרימינעלער טיפּ. איצט לערנט מען אין אַלע שולן פון אַלע דריי לענדער כמעט לויט איינע און די זעלבע לערן־ביכער. די אַלע אויסגערעכנטע פאַראייניקונגען און קאָנפערענצן זיינען געשטאַנען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט האָלאַנד, בעלגיע און לוקסעמבורג.

האַמבראָ ענדיקט זיין אינטערעסאַנטע אַרבעט מיט די ווערטער פונם שוועדישן קעניג אין 1917 אינם נאָרוועגישן קעניגלעכן פּאַלאַץ: „לאָמיר שאַפן אַ נייע פאַראייניקונג, נישט לויט אַמאָליקן נוסח, נאָר אויף אַ נייעם שטייגער — אַ פאַראייניקונג פון הערצער, פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג".

און די אַלע לענדער, וועגן וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט, זיינען פאַר דער מלחמה געווען גאָר ווייניק יידן און איצט איז זייער צאָל נאָך פיל קלענער געוואָרן. אין קיין איינעם פון זיי, חוץ האָלאַנד, האָט דער אָנטייל פון יידן נישט דערגרייכט קיין גאַנצן פּראָצענט און אין אַ פּאָר איז ער געווען נישט מער פון איין צענטל פון איין פּראָצענט. יידן זיינען געווען די איינציקע מינדערהייט אין די דאָזיקע אַלע לענדער, אָבער קיין יידישע פראַגע אין נאַציאָנאַלן זין פון וואָרט איז דאָרטן נישט געווען. שפּראַכלעכע און קולטורעלע אַסימילאַציע מיט 30 אָדער 40 פּראָצענט געמישטע חתונות זיינען דאָרטן געווען אויף אַזויפיל אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז קיינער האָט קעגן דעם נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו קעמפן. קיין אַנטיסעמיטיזם האָט נישט געפעלט אין די דאָזיקע לענדער, אָבער ער האָט אין ערגעץ נישט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, ווי אין די לענדער פון צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע.

און וויל מען זיך נישט נאַרן און גיט מען אַ טראַכט אַ ביסל טיפער, הויבט אָן שוועבן פאַר די אויגן אַ בילד פון דעם קומענדיקן גורל פון די יידן אין די מזרח־ און דרום־אייראָפּעישע לענדער ביז גאָר ענלעך צו דעם, צו וועלכן מיר זיינען שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן אין די לענדער פון מערב־ און צפון־אייראָפּע: אַ נישטיקע צאָל יידן אין אַ פרעמדער סביבה פון איין נאַציאָנאַלן נוסח; אַ בלייכע און שוואַכע אייגענע ירושה־קולטור, אַן אַבסטראַקטע, אַן אָפּגעריסענע פון טאָג־טעגלעכן לעבן, פון די טאָג־טעגלעכע גייסטיקע אינטערעסן קעגן אַ הערשנדיקער פּאָליטיש־לעבעדיקער און פרייער פרעמדער קולטור; אַ ראש־השנה־ און יום־כיפור־קולטור קעגן אַ 24־שעהדיקער קולטור פון יעדן טאָג אין יאָר.

פיל אַנדערש, אָבער אין תוך־גרונט זייער ענלעך איז געגאַנגען דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־פּראָצעס אין מזרח־ און דרום־אייראָפּע, אין לענדער מיט אַ פאַרשפּעטיקטער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און לכן מיט אַ שטאַרק פאַרשפּעטיקטער דערוואַכונג פון די מאַסן צו אַ מאָדערנעם אַקטיוון קולטורעלן לעבן. די לאַגע אין די דאָזיקע לענדער איז געווען פיל קאָמפּליצירטער ווי אין די פריער באַטראַכטע צוליב צוויי סיבות: ראשית, זיינען דאָ ס׳רוב צוזאַמענגעפאַלן די באַזונדערע נאַציאָנאַלע קאָלעקטיוון מיט באַזונדערע קלאַסן־גרופּעס, ווי למשל, פּוילישע פּריצים אין ליטע, מיט ליטווישע פּויערים, אין ווייס־רוסלאַנד מיט ווייס־רוסישע פּויערים, אין גאַליציע מיט אוקראַינישע פּויערים; שנית, איז די נאַציאָנאַלע צעגרענצונג געווען פיל שווערער אין די דאָזיקע לענדער צוליב דעם גרעסערן דורכאַנאַנדער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס אין גרויסע ראַיאָנען. דער צוזאַמענפאַל פון באַשטימטע נאַציאָנאַלע גרופּעס מיט באַשטימטע סאָציאַלע קלאַסן האָט געפירט דערצו, אַז אין רוב ראַיאָנען איז די שטאָטישע באַפעלקערונג אָפּט באַשטאַנען פון אַ מערהייט פון דער געגנט־מינדערהייט. ענדלעך, און דאָס איז זייער וויכטיק — אין די דאָזיקע לענדער האָבן געלעבט גרויסע יידישע מאַסן, די אויסגעשפּראָכנסטע מינדערהייט אין דער וועלט, אַן אויסגעשפּראָכן שטאָטישע באַפעלקערונג, סאָציאַל־עקאָנאָמיש איינזייטיק געבויט און צוליב דעם אַלעם אַן אָנגעלאָדענע מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן מיט ביידע צדדים. די אייגנאַרטיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט געבראַכט דערצו, אַז די יידישע גרופּע, נאַציאָנאַל די שוואַכסטע, האָט פאַרנומען אין די דאָזיקע אַלע לענדער העכערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, האָט אויך געפירט דערצו, אַז זי האָט תמיד געהאַט איר גרעסטן עקאָנאָמישן פיינט דווקא אין יענער נאַציאָנאַלער גרופּע, וועלכע זי האָט נאַציאָנאַל געשטיצט.

מיר קאָנען זיך דאָ נישט פאַרהאַלטן לענגער אויף דער דאָזיקער זייער קאָמפּליצירטער, אָבער ביז גאָר אינטערעסאַנטער און וויכטיקער פראַגע, ווי די יידישע מינדערהייט, אַריינגעפּלאָנטערט צווישן קעמפנדיקע פייערן, צווישן צוויי און אָפט צווישן דריי קעמפנדיקע נאַציאָנאַלע גרופּעס מיט פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטורן און לכן מיט פאַרשיידענע אָפּשטוים־ און צוצי־טענדענצן לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, ווי די דאָזיקע יידישע פּאָליטיש שוואַכע און סאָציאַל שטאַרקע גרופּע האָט געכאַפּט און געמוזט כאַפּן בוכינצעס פון אַלע זייטן. דאָס מאָל אינטערעסירט אונדז דער באַפרייונגס־פּראָצעס פון די פעלקער פון די מזרח־ און דרום־אייראָפּעישע לענדער און ווי ווערט נאַציאָנאַל אויסזעען יענע נייע סביבה, אין

*) C. I. Hambro, Federation or Cooperation: The Scandinavian Experience. The American Scholar, Vol. 13 (Spring, 1944), p. 171-8.

JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

וועלכער די יידישע מינדערהייט אין אייראָפּע וועט דאַרפן קעמפן פאַר איר נאַציאָנאַלן קיום.

ביז שפּעט אין 19טן יאָרהונדערט האָבן דריי גרויסע אימפּעריעס געהאַלטן פאַרשקלאַפט אין דעם דאָזיקן טייל אייראָפּע עטלעכע צענדליק פעלקער — רוסלאַנד, עסטרייך און טערקיי. מיר ריידן נאָר וועגן די אייראָפּעישע פעלקער, ווייל מיט די אַזיאַטישע פעלקער, וועלכע זיינען געווען אונטערגעהאָרפן דער צאַרישער רעגירונג און דעם סולטאַן וועט די צאָל אונטערטעניקע פעלקער דערגרייכן ביז די צוויי מאות. צווישן די אונטעריאָכטע פעלקער זיינען געווען אַזעלכע גרויסע, ווי די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געציילט אַ פּאָר צענדליק מיליאָן נפשות, ביז די אַלבאַניער, וועלכע האָבן געציילט נאָר עטלעכע הונדערט טויזנט נפשות. אין דער ערשטער רייע האָבן זיך באַפרייט די באַלקאַנישע פעלקער פונם סולטאַנישן יאָך. אַלע פעלקער פון דעם באַלקאַנישן האַלב־אינדזל זיינען געווען נישט ווייניקער פון 500 יאָר פאַרשקלאַפט ביי די טערקן און די אַלבאַניער גאַנצע 1.000 יאָר. אָנגעהויבן האָט זיך די באַפרייונג פון די דאָזיקע פעלקער מיט די גריכן אין 1827 און איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1912 מיט דער דערגרייכונג פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט דורך די אַלבאַניער, וועלכע ציילן איצט נישט מער ווי איין מיליאָן נפשות. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט דעם צעפאַל פון רוסלאַנד און עסטרייך און אַ גאַנצע גרופּע פעלקער, ווי די פּאָליאַקן, די טשעכן, די ליטווינער, די לעטן, די עסטן האָבן דערגרייכט פולע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט און די גרויסע רוסישע אימפּעריע איז ראַדיקאַל איבערגעבויט געוואָרן און צענדליקער פעלקער האָבן באַקומען אַ גענוג ברייטע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע אום צו גאַראַנטירן זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַנטוויקלונג באַגלייך מיט די מעגלעכקייטן פון דער גרעסטער און קולטורעלסטער גרויסער רוסישער נאַציע.

אַבסאָלוט דער זעלבער פּראָצעס פון נאַציאָנאַלער קאָנסאָלידאַציע און פּאָליטישער באַפרייונג קומט פאָר פאַר אונדזערע אויגן אין מיטל־מזרח און אין צפון־אַפריקע.

שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט גענומען הערשן אין דער וועלט די אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז די פּרוּוון פון אַסימילירן שוואַכע און קליינע פעלקער דורך די גרויסע אימפּעריעס איז נישט נאָר נישט עטיש און פּאָליטיש שעדלעך, נאָר ס'איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, ווייל ס'איז אונמעגלעך. ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד — דריי קליינע פעלקער מיט צוזאַמען 5 מיליאָן מענטשן — האָבן העכער טויזנט יאָר געלעבט פאַרשקלאַפט צו גרויסע פעלקער און אונטערגעוואָרפן געוואָרן די אַסימיליר־ווירקונגען פון דריי גרויסע און רייכע קולטורן, ווי די דייטשע, די רוסישע און די פּוילישע, און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט האָבן זייערע שפּראַכן און קולטורן אויפגעבליט און זיך צעוואַקסן. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז די אַלבאַניער, אַ פּרימיטיוו קליין פאָלק, זיינען העכער טויזנט יאָר געווען פאַרשקלאַפט און גערודפט פון די טערקן — און צו פולער אַסימילאַציע איז אויך דאָרטן נישט געקומען. מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען נאָך צענדליקער ביישפּילן, וועלכע האָבן געפירט צו דער אַלגעמיינער איבערצייגונג, אַז נישט אַסימילאַציע איז דער בעסטער מעטאָד פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע, נאָר, פאַרקערט, פולע אַנטוויקלונג־פרייהייט.

דער צווייטער שלוס, צו וועלכן מען איז געקומען שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז כדי יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע זאָל קאָנען פריי אַנטוויקלען איר קולטור, מוז זי פאַרמאָגן אַ געוויסן גראַד פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, פון פּאָליטישער אויטאָנאָמיע. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אין רוסלאַנד האָבן אַלע טעריטאָריאַלע פעלקער באַקומען אַ געוויסע פּאָליטישע אויטאָנאָמיע, פילע גרעסערע פעלקער זיינען אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן און פאַר די מינדערהייטן, וועלכע זיינען נאָך געבליבן גאַנץ באַדייטנדיק אין פילע מלוכות, ווי אין פּוילן, אין רומעניע, אין יוגאָסלאַוויע, אין אונגאַרן און אין אַנדערע לענדער, זיינען גאַראַנטירט געוואָרן פון דער פעלקער־ליגע מיעוטים־רעכט. אין גרונט פון די דאָזיקע מינדערהייטן־רעכט איז געלעגן דער געדאַנק, אַז יעדע מיעוטים־דיקע פאָלק־גרופּע זאָל געפינען געוויסע פאָרמען פון אָרגאַניזאַציע פאַר אירע נאַציאָנאַלע צוועקן — אויף דעם דאָזיקן באָדן איז אויסגעוואַקסן די יידישע שול־אויטאָנאָמיע אין לעטלאַנד; דער יידישער נאַציאָנאַל־ראַט אין ליטע; אין פּוילן האָט באַדאַרפט געשאַפן ווערן אַ צענטראַלע קהילות־אָרגאַניזאַציע. נאָר די רעגירונג האָט אַלץ אָפּגעלייגט דאָס אויספילן פון דאָזיקן געזעץ. אין אַ געוויסן זין קאָן מען רעכענען אויך די יידישע סעקציע אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַלס די צוגעפּאַסטע פאַר דער יידישער מינדערהייט ביי די באָלשעוויסטישע באַדינגונגען נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, אויף צו באַפרידיקן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדערפענישן פון דער לאַנדלאָזער יידישער גרופּע.

מיר וועלן זיך איצט נישט אָפּשטעלן אויף דער טרויעריקער צווישן־מלחמה׳דיקער פּראַקטיק מיט דער פרייהייט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, באַזונדערס פון דער יידישער לאַנדלאָזער גרופּע און וועלן גלייך אַריבערשפּרינגען צו די רעזולטאַטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלכע איז געווען אַ שרעקלעכע און ראַדיקאַלערע און האָט געפירט אויך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע צו ראַדיקאַלע לייזונגען, ווי די ערשטע וועלט־מלחמה. מיר שטייען פאַר אַ פאַקט פון טראַנספער פון בערך מינימום 20 מיליאָן מענטשן און דער ציל איז אַ קלאָרער — נאַציאָנאַל־איינהייטלעכע שטאַטלעכקייט, מינימום שטח פאַר נאַציאָנאַלע רייבונגען און קאָנפליקטן, אויסרייסן מיטן וואָרצל יענעם פולווער־באָדן, וואָס האָט אַזויפיל בלוט געקאָסט דער מענטשהייט.

דאָס קומענדיקע פּוילן, רומעניען און אונגאַרן זיינען שוין צוגעשניטן אַזוי, אַז זיי וועלן נישט האָבן קיינע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. טשעכאָסלאָוואַקיי האָט פאַרלאָרן קאַרפּאַטאָרוס און סלאָוואַקיי וועט זיין אַ גלייכבאַרעכטיקטער שותף צו דער מלוכה. אַלע דייטשן און מאַדיאַרן ווערן טראַנספערירט פון דער טשעכאָסלאָוואַקיי. יוגאָסלאַוויע ווערט איבערגעבויט אין אַ פעדעראַציע פון סערבן, קראָאַטן און אַלע איבעריקע שבטים, וועלכע גייען אַריין אין די גרענעצן פון דער דאָזיקער מלוכה. די דייטשן ווערן אַרויסגעשיקט. ליטע, לעטלאַנד און עסטלאַנד זיינען שוין געבליבן כמעט אָן מינדערהייטן נאָך דער עוואַקואַציע פון די דייטשן דורך היטלערן. די קליינע צאָלן גרויס־רוסן, וועלכע זיינען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאַט פאַרבליבן אין די דאָזיקע לענדער, זיינען געווים עוואַקוירט געוואָרן אָנהויב צווייטער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און

ראַטן־פאַרבאַנד, ווייל זיי זיינען באַשטאַנען דער עיקר פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער און באַאַמטע, און ס׳איז אַ גרויסער ספק צי זיי וועלן זיך אומקערן. אויך די סאָוויעטישע אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, וועלכע זיינען שטאַרק אויסגעוואַקסן אַדאַנק דער באַהעפטונג פון שייכות׳דיקע טיילן פון פוילן, זיינען אויך געבליבן כמעט אָן נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. שוין פאַר דער מלחמה איז געהאַט שטאַרק געפאַלן דער פּראָצענט גרויס־רוסן אין די דאָזיקע ראַטן־פאַרבאַנדישע רעפובליקן — אין 1926 האָבן די רוסן אויסגעמאַכט 25,1 פּראָצענט אין די אוקראַאינישע שטעט און לויט דער ציילונג פון 1939 שוין נאָר 15,6. די גרויס־רוסישע באַפעלקערונג איז געווען אין איר גרעסטער צאָל אַ שטאָטישע און האָט זיך געוויס עוואַקויִרט אָנהויב דער לעצטער מלחמה. נעמט מען די סאָוויעטישע אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד אַלס גאַנצע מאַכט דאָרטן אויס די רוסישע מינדערהייט גאָר אַ נישטיקן פּראָצענט; די פּאָליאַקן זיינען שוין אָדער וועלן שפּעטער טראַנספערירט ווערן אין זייער לאַנד.

מיט איין וואָרט אויך אין מזרח־ און דרום־אייראָפּע ווערט דורכגעפירט אַ פּאָליטישע צעגרענצונג, וועלכע זאָל צוזאַמענפאַלן מיט די נאַציאָנאַלע גרענעצן. אונדז אינטערעסירט דאָ נישט די מדרגה פון זעלבסטשטענדיקייט פון די אַלע באַטראַכטע פעלקער — וויכטיק איז, וואָס אַלע, אַבסאָלוט אַלע פעלקער האָבן דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה פון שטאַטלעכער אָרגאַניזירטקייט און דערביי פון נאַציאָנאַל־איינהייטלעכער שטאַטלעכקייט. און ס׳איז דאָך גאָר קיין ספק נישט, אַז אין פּרט פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג האָבן די אַלע דערמאָנטע פעלקער דערגרייכט געוואַלדיקע פרייהייטן, ווי מען זאָל זיך נישט פאַרהאַלטן צו דער פּאָליטישער השפעה פון דער ראַטנמאַכט. די דאָזיקע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַנטוויקלונג האָט געוויס איר שטאַטלעכע ראַם. אירע פּאָליטישע אָרגאַנען, וואָס ס׳שפּילן נישט קיין קליינע ראָלע אין זין פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, אין פּרט פון נאַציאָנאַלן קולטור־שווּנג.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס אין די מזרח־ און דרום־אייראָפּעישע לענדער ביי וועלכע מיר האָבן פעסטגעשטעלט די זעלבע טענדענצן צו נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, וואָס ביי די צפון־אייראָפּעישע פעלקער מערקט זיך שוין איצט, איינצייטיק מיט דער פּאָליטישער צעגרענצונג אין הסכם מיט די נאַציאָנאַלע גרענעצן און מיט טראַנספער־קאָרעקטיוון ווי די דאָזיקע גרענעצן פאַלן נישט צוזאַמען, די טענדענץ צו געמיינזאַמקייט, צו פעדערירונג, צו קעגנזייטיקע שטיצעס און הילפן, בעת אין צפון־אייראָפּע האָט געמוזט אַוועקגיין אַרום הונדערט יאָר איידער די דאָזיקע פעדערירונג־טענדענצן זיינען בולט געוואָרן.

מיר ווייסן זייער גוט, אַז אין דרום און מזרח־אייראָפּע קומען פאָר די דאָזיקע אַלע ראַדיקאַלע שנויים אונטער דער בייטש פון אַ גרויסער מאַכט, נישט פרייוויליק, נישט מיטן גוטן ווילן פון די פעלקער, בעת אין צפון־אייראָפּע זיינען די זעלבע שנויים פאָרגעקומען לאַנגזאַם; אָרגאַניש, פרייוויליק, אויף דעמאָקראַטישע יסודות. דאָס זיינען אַלץ וויכטיקע פּאָליטישע און סאָציאָלאָגישע פראַגן, איבער וועלכע דער קומענדיקער מאַרקסיסטישער היסטאָריקער וועט זיך נעבעך ברעכן דעם קאָפּ, ווי ער וועט זיך נישט ווייניקער מוזן ברעכן דעם קאָפּ, וואָס די סאָציאַליזאַציע אָדער נאַציאָנאַליזאַציע פון דער ווירטשאַפט ווערט דורכגעפירט אין די אינדוסטריעל אָפּגעשטאַנענסטע לענדער פריער, ווי אין די אינדוסטריע־אַנטוויקלטסטע לענדער. אונדז אינטערעסירט אָבער גאָר נישט דאָס מאָל די פּאָליטישע צוואַנג־זייט פון דער פראַגע און נאָך ווייניקער די טעאָרעטישע פּראָבלעמאַטיק פון די דערשיינונגען, וועלכע קערן איבער די מאַרקסיסטישע תורה. די לעצטע וועט האָבן גענוג אַרבעט און איך קאָן איר נאָך צוגעבן פאָלגנדיקע שווערע קשיה — אין דרום און מזרח־אייראָפּע פירט דורך די אינדוסטריאַליזאַציע נישט די בורזשואַזיע, נאָר דער פּראָלעטאַריאַט, און דער לעצטער האַלט אָפּ זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע נצחונות נאָך איידער ער איז גענוג אויסגעוואַקסן אין די געדערים פונם קאַפּיטאַליזם. די געשעענישן פון די לעצטע 25 יאָר האָבן באַגראָבן אַזוי פיל אָנגענומענע אמת׳ן און געשטעלט אונטער פראַגעצייכנס אַזויפיל אַקסיאָמעס, אַז ס׳מאַכט נישט אויס, אויב מיר וועלן צוגעבן נאָך אַ פּעקל קשיות און ווידעראַנאַנדן.

(המשך אין 20טן נומער).

# צום יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

ג ע ט אָ —
טאָל פון מענטשלעכן אומזין און וואַנזיניקן האַס,
טאָל פון טרערן און נויט;
ג ע ט אָ —
טאָל פון גרויל און שרעק, ווו מענטשלעכע לעבנס
זיינען איינגעפלאָכטן געוואָרן אין ליידנס־נעצן, אומבאַקאַנטע ביז איצט דער געשיכטע;
ג ע ט אָ —
מיט דיינע פאַרחלש׳טע, געפּייניקטע און אויף דעם
טויט אַלס אויסלייזער וואַרטנדיקע מענטשן־שקעלעטן;
ג ע ט אָ —
מיט דיינע פינצטערע, נאַסע און קאַלטע הייזער אין
וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די שרעקלעכסטע
דראַמע פון דעם יידישן מאַרטירערטום;
ג ע ט אָ —
וואָס ביזט געווען נאָר הונגער און טויט און דאָך
געבליבן העלדישער קאַמפס־אויפלאַם;
ג ע ט אָ —
ווו יעדע שטוב איז אַ פעסטונג געוואָרן און יעדעס קינד,
פרוי און מאַן אַ סאָלדאַט פון דער געטאָ־אַרמיי אין
קאַמף מיט צעיושעטע, מאָרד־גיריקע נאַצישע בעסטיעס;
ג ע ט אָ —
ווו דערנידעריקטע, פאַרשקלאַפטע און צום גאַז־טויט
פאַרורטיילטע האָבן דאָס הייליקע פייער פון פריי־
הייטס־קאַמף אָנגעצונדן און זייער לעצטן לעבנס־
וועג מיט העלדן־מוט גלייכן די מכבים געצייכנט;
ג ע ט אָ —
טראָץ דעם, וואָס נאָך דיר זיינען נאָר בערג מיט
אַש געבליבן וועלן מיר דאָס בילד פון דיינע איבער־
מענטשלעכע ליידן און הערלאישן קאַמף די צו־
קונפטיקע דורות איבערווייזן אַלס וואָרענונג

צו וואָס פאַשיסטישע הערשאַפט האָט דערפירט;
וויאַזוי מען קאָן קינדער פון אַ היימלאָז
פאָלק מאַלטרעטירן, פאַרניכטן, ברענען לע־
בעדיקערהייט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער
וועלט;
שריי ים פון קיינמאָל נישט פאַרטרוקנטע געטאָ־
טרערן און געטאָ־בלוט, שריי אויס דעם צער פון
דערשטיקטע לעבנס—
שנייד דורך די לופט פון זייערע רויקע און זינדיקע
שטעט מיט דעם געשריי פון אונדזערע קליינע צאַפּל־
דיקע קינדער, אַוועקגעריסענע פון דער מוטער־ברוסט
און געשליידערטע אין די פייער־צונגען פון אַלע
טויט־פאַבריקן —
טרייסל אויף זייערע הערשער־שטולן —
רויב זייער רו,
פייניק,
ביז יענעם מאָמענט, ווו אין האַפן פון יידישער און
מענטשלעכער פרייהייט וועט דער לעצטער ליידנ־
דיקער ייד געבענגט ווערן.

# י. ל. פּרץ

1852 1915



י. ל. פּרץ

צוויי־און־דרייסיק יאָר טרוי־ערט די יידישע ליטעראַטור נאָך איר פּאָטער; צוויי־און־דרייסיק יאָר פעלט דעם יידישן געדרוקטן וואָרט דער, וועלכער האָט אויס־געטראָגן, געפּאָרעמט און פאַר־פולקאָמט די איצט רייכע און מיט לעבנס־ווילן שפּרודלדיקע יידישע ליטעראַטור.

אין 1915, אין וואַרשע, אין ווירוואַר און צעטומלעניש פונעם ערשטן וועלט־קריג איז פון אונדז אויף אייביק אַוועק י. ל. פּרץ ז״ל.

זיין וואָרט האָט דערקוויקט און גערופן צום לעבן; זיין גייסט האָט געבויט און געפלאַנצט נייע, גרין־לעבעדיקע געוויקסן, וועלכע האָבן באַלעבט דאָס פעלד פונעם יידישן שאַפונגס־זשעני; זיין הויז איז געוועזן דאָס בית ועד לחכמים פאַר די יידישע שריפטשטעלער און פאַר די יידישע וואַנדערנדיקע זינגער; זיין מצבה איז געוואָרן דער אוהל־קודש צו וועלכן עס האָבן עולה־רגל געוועזן הונדערטער און טויזנטער, דערצויגענע דורך זיין פעדער און גליענדיקן וואָרט.

זאָלן אונדזערע ווערטער זיך באַהעפטן מיט די טויזנטער קרענץ, וואָס די יידישע צעשפּרייטקייט שיקט אויף זיין קבר אויפן וואַר־שעווער בית עולם, ווו צווישן די חורבות פונעם אומגעבראַכטן יידנטום רוט זיין הייליק געביין.

## אין דער שטילער נאַכט

אין דער שטילער נאַכט —
קיינער הערט און זעט! —
גיסט זיך אויס מיין האַרץ, —
הערסטו מיין געבעט?

אין דער שטילער נאַכט
ליג איך אויסגעשטרעקט
און וויין... צי האָט דיך עס
אַמאָל פון שלאָף געוועקט?

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES · SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES · FONDS SPÉCIAUX

## האָף און גלויב

האָף! נישט ווייט איז שוין דער פרילינג,
ס'וועלן שמעטערלינגען שפּרינגען,
נייע נעסטן, נייע פייגל
וועלן נייע לידער זינגען.

גלויב, די נאַכט וועט זיין פאַרשוווּנדן,
און די וואָלקן אויך צערינען,
בלוי וועט ווייטער זיין דער הימל —
נייע שטערן, נייע זונען!

נייע רויזן, נייע בלומען
וועקט דער פרילינג זיסער הויך;
עס וועט שיינען, שמעקן, זינגען!
און — אויף אונדזער קבר אויך...

## טרייסט

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זיט נישט דער ווינט, וואָס לעשט דעם פלאַם.
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נאָר בוימל גיסט און פּוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט.
עס האָט געלייכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזונגט שוין נישט איין שלאַכט
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט — אַן אייזן־פעסטע וואַנט
אין וויסטן, ווילד־פאַרקאַכטן ים!
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף די פלאַם!
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפּגעשלאָפט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנסקראַפט
אַלס פייערדיקע זייל בייַנאַכט...
עס זינקט די נאַכט, דער טאָג דערוואַכט
און שיקט דעם שטראַל — אַ גאָלדענע פייל —
אַלס גרוס דער פייערדיקער זייל!...
אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!

---

יצחק אורבאַך

# דער זיג־זאַג וועג אין פּרץ'ס שאַפן

סוף דבר הכל נשמע
את האלהים ירא...
(קהלת)

אין פינצטערער אומבאַהאָלפנקייט, אַ לעבן פון פאַריער, אָפּגעזונדערט און צוזאַמענגעפּרעסט, צוריקגעשטאַנען קולטורעל און אומבאַהאָלפן עקאָנאָמיש, האָט דער רוב־מנין און רוב־בנין פון די יידישע מאַסן אין פּוילן געלעבט אין די קליינע שטעטלעך אונטער די נעגל פון צאַרישן רוסלאַנד.

פּאָליטיש דערנידעריקט דורכן דעמאָלט הערשנדיקן רעזשים, מאָראַליש דערשלאָגן, נישט בלויז דורך די הערשנדיקע סאַטראַפּן נאָר אויך דורך די אייגענע לומדישע און גבירישע יונגע־לייטלעך מיט דער „אַלטער רבנישער פלעדערמויז", וואָס האָט אויסגעשפּרייט אירע פליגל איבערן פאַרטומלטן קהל, האָבן אויך די יידן אין יענער צייט געלעבט אָרעם און צוריקגעשטאַנען. זיי האָבן זיך אויסגעלעבט אין חסידיש־אילוזאָרישן עקסטאַז און איבערגלויבן.

י.ל. פּרץ, לעבנדיק אין דער דאָזיקער צייט זעט דעם מיטלאַלטער אינם יידישן שטעטל. ער זעט די באַזונדערע עקאָנאָמישע „אומסטרוקטור" פון די יידישע מאַסן און דעם געטאָ אין וועלכן זיי זיינען פאַר דער צייט אַריינגעשליידערט געוואָרן. זיי זיינען געוואָרן אומפּראָדוקטיוו, טיף־רעליגיעז, גלויבנדיק אין נסים — אַן איבערבלייבעכץ פון קלעריקאַלן פעודאַליזם.

י.ל. פּרץ אַלס שרייבער און דיכטער איז אומבאַדינגט אָריגינעל אין זיין שאַפן. ער איז נישט ווי מענדעלע, וועלכער קריטיקירט און לאַכט אויס דאָס שטעטל אין סאַטירע, ער איז נישט ווי שלום־עליכם, וועלכער זעט דאָס קאָמישע פונעם שטעטל און לאַכט עס אויס מיט אַ פיינגעשפּיצטן הומאָר (זייער אָפט מיט גאַל). פּרץ זעט די דעקאַדענץ פונעם שטעטל, דעם גערוּנגל און זיין טראַגעדיע. פּרץ איז אַ רעאַליסט אין זיינע שאַפונגען. ער באַשרייבט אונדז דאָס שטעטל אַזוי ווי עס איז, אָן דער קאָלאָריסטיק פון סאַטירע און אָן דעם פונק פון הומאָר. ער ווייזט אונדז די לאַגע פונעם שטעטל און די סבות; ער קומט אָבער נישט צו קיין שום מסקנות און ווייזט אויך נישט אָן קיין שום קאָנקרעטע לייזונג פון דעם עמק־הבכה.

ווען מיר גייען צו צו פּרץ'ן פון אידעישן שטאַנדפּונקט געפינען מיר סתירות. פּרץ איז אָבער דורכויס דיכטער און שיינגייסט. אין דער זעלבער צייט, ווען ער ווייזט אייך די שלעכטע צייטן פון אָבערגלויבן און צוריקגעשטאַנענקייט, געפינט ער אָבער אויך אויס די פּערל פונעם זאַמד. ער באַשרייבט מיט זיין קינסטלערישער פען דעם ראָמאַנטיזם פון חסידות אין פאַרשיידענע נואַנסן. נישט די דעקאָראַטיווע זייט פון חסידות נאָר די האַרציק־פּסיכאָלאָגישע, נישט די התלהבות'דיקע סליחות אויסגעשרייען אינטערעסירן דעם דיכטער דעמאָלט. פּרץ'ן אינטערעסירט דאָס בינטל האָלץ, וואָס דער צדיק טראָגט דער אַלטער פרוי, וועלכע פרירט אין דער אָרעמער שטוב.

אויב נישט נאָך העכער.

פּרץ איז נישט קאָנסעקווענט אין זיין שאַפן פּונקט אַזוי ווי דאָס לעבן גופא. אין זיין שאַפן איז אָבער דאָ בליציקער אויפברויז, וואָס פאַרלייכט און פאַרבלענדט. אַזוי איז געוועזן זיין ערשטער אַרויסטריט (נישט דעביוט, ווייל דעביוטירט האָט ער אין דער העברעישער שפּראַך) „מאָניש" אין קלאַסיש־קלינגנדיקע שורות, ווו רעאַליזם איז געמישט

מיט ראָמאַנטיק, גיט ער איבער דעם איבערברוך פון אַן עפּאָכע:

און דעמאָלט האָט מאָניש
אַלס עילוי געשמ׳ט
די גרעסטע רבנים...
פאַרהערן דעם עילוי
און טאַנצן פאַר שמחה,
אתחלתא דגאולה

און לילית שפּרייט אויס איר נעץ פון דעם מענטש־לעבן און שיינעם, וואָס איז געווען אַזויפיל יאָר איינגע־שלאָפן אין דער יידישער נשמה, אָדער זויפל נשמות זיינען צעבראָכן און פאַרצערט געוואָרן אינעם גלי פון זייער פאַרבאָרגענער ליידנשאַפט:

די זינד
בלינד
אינעווייניק שטיקן זיך פלאַמען.

פּרץ, דער געוועזענער משכיל גייט זיין אינדיווידועלן, קינסטלערישן וועג. נישט דער השכלה פאַרשרייבט ער געוויסע פאַרדינסטן אינעם אויפברויז און איבערברוך אין דער נשמה פונעם קלויזניק. דעם צוריקגעשטאַנענעם קלויז־ניק וועקט אויף דאָס לעבן. דעם בית־המדרש׳ניק מיט זיין תמימות׳דיקער אָפּגעשיידנקייט האָט דערזען דאָס לעבן אַביסל ווייטער פון קלויז, אויפן שול־הויף, אויפן אַלטן מאַרק. ער האָט דערזען די שיינע יידישע טאָכטער צו וועלכער דער אָרעמער קלויזניק קאָן נישט צוקומען. זי וועקט אים פון זיין לעטאַרגיע. פּרץ בינדט צוזאַמען דאָס פיזישע מיט דעם גייסטיקן. דער קלויזניק, אַוועקוואַרפנדיק די פיזישע וועגעטאַציע ווערט אויך פּטור פון דער גייס־טיקער וועגעטאַציע:

אין מיר האָט אויפגעפלאַמט אַ רויז.
ווילט איר, דערנער שטראָפן מיר?
מייז פון פינצטערע לעכער אַרויס,
ווילט איר משפטן די נאַכטיגאַל
פאַר איר מאָרגן־ליד,
פאַר איר פרילינגס־ליד,
פאַרן העכסטן ליבעס־ליד?

און ער וויל זיך באַפרייען:

פון דער נאָגנדיקער בענקשאַפט,
פון דער דריקנדיקער נויט,
פון דער שרעק, וואָס האָט קיין נאָמען.

פּרץ, לעבנדיק שוין אין דער צווייטער העלפט פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע, זעט די צעפּוילטקייט פונעם אַמאָ־ליקן, גיט פאַרביי דער קאַריקאַטור און געפינט אויס דאָס אמת־האַרציקע און צניעות׳דיקע; אויך אין דעם אַלטן, פאַרשימלטן איז דאָ האַרץ און נשמה. („שלום־בית", „דער תענית", א. אנד.)

---

אויב מענדעלע איז געווען דער זיידע און שלום־עליכם די האַרציקע מאַמע, איז פּרץ געווען דער טאַטע. ער האָט געזעען דעם אויפבלי און דעם אונטערשייד ביי זיינע קינדער.

דאָס שטעטל איז געוואָרן ענג. די יינגערע האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצורייסן אין דער ברייטער וועלט אַריין. די איבערגעבליבענע אין שטעטל האָבן געפילט דאָס הצטרכות אָפּצוטרייסלען זיך פון זייערע פאַרזאָרגער. דער רויטער פאָדעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די מוחות פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד, האָט אויך אַריינגעצויגן דעם יידישן מענטש.

פּרץ פירט אַדורך דעם אויפוואַך (נישט רעוואָלוציע) אין דער יידישער גאַס, אָנהויבנדיק עס ביים רבי׳ן, קלויז־ניק, בעל־הבית, בעל־מלאכה א. אנד. יעדער פון די דערמאָנטע העלדן מאַכט עס אויף זיין שטייגער. דער רבי זאָגט:

אויסגעלייזט פון פּיין און שרעק
מוז ווערן
די וועלט!

און „דער בעל־מלאכה וויל פרעסן און זויפן און אַ פאַר־שיכורטער וויל ער שיקן דעם רויטן האָן, דעם רויטן האָן".

---

פּרץ דער דיכטער וויל נישט לאַכן און נישט וויינען. ער איז דער נייער מענטש; וואָס קומט מיט אַ דונער אין מויל און בליצן אין די אויגן. ער וויל באַ־שיצן פון פרעמדע און אייגענע.

אָבער ווי זעט אויס דער פינאַל פון זיין באַשיצן די וועלט?

וועמען האָט ער דען נישט אויף דער וועלט? (ביי־נאַכט אויפן אַלטן מאַרק) אַ דיכטער, אָ לעקטאָר, אַ בדחן, אַ פּרוש, אַ נאַכט־מיידל און אַנדערע. אין דער וועלט שוועבט פּרץ פאַרביי ווי אַ ווייכער שאָטן און לינד, ווי אַ דינער אָטעם. פרעגט אים נישט פונוואַנען ער קומט, ווייל איידער דער שאָטן צערינט גייט ער אַוועק. וווּהין? הייסט פּרץ נישט פרעגן, ווייל פון זיין לאַנגן וועג איז ער נישט קלוגער געוואָרן.

ווי שלמה המלך זינגט פּרץ זיין שיר־השירים — „מאָניש" און דערגייט אין פלאָנטער פון לעבן צו „קהלת" — „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

אַלץ ווערט צעשמעטערט און צעטראָטן, אַלץ גייט ביי אים אויס, אפילו דער קלאָרסטער שטערן, וואָס הייסט „אמת"; און עס בלייבט אַ גרויער וואָלקן מיט דער אויפ־שריפט „גלויב".

---

י. ל. פּרץ איז זיכער געווען דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אָנגעהויבן קינסטלעריש אויפלעבן דאָס יום־טוב׳דיקע אין דעם רעאַלן חול; ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס געדיכטע עטישע פון יידישקייט און אָנגעהויבן אַריינוועבן דעם אַלטן יידישן אינהאַלט אין דער נייער קינסטלערישער פאָרם. אין זיין שטרעבן צונויפצוגיסן די ביידע שטראָמען פון סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערישקייט און חסידישער פאָלקס־נשמה׳דיקייט, האָט ער דעם סאָציאַל־עטישן יסוד געפונען אין די „חסידישע אוצרות".

אברהם ביק

# משה העס

## (1812 — 1875)

מיט אַ מעכטיקער שטימע האָט ער באַזונגען דאָס יידישע פאָלקס־לעבן; ווייט פון דער יידישער אָרעמקייט און עלנט האָט ער דאָך הויך געשעצט די אַלע פּאָליטישע און קולטורעלע דערשיינונגען, וועלכע האָבן, לויט זיין מיינונג, געשטויסן דאָס יידישע פאָלק צום פאָלקס־רענעסאַנס און נאַציאָנאַלער באַפרייונג. ער איז דאָס געווען דער פּאָרויסזעער פונעם ציוניסטישן סאָציאַליזם, וועלכער האָט מיט עקשנות באַקעמפט די אַסימילאַציע און אירע צוויי־פּנים׳דיקע טעאָרעטיקער.

אַלס איינציקע אויסלייזונג פאַרן גערודפ׳טן און געפּלאָגטן יידישן פאָלק זעט העס א״י, וווּ דאָס לעבן וועט אויפגעבויט ווערן אויף די יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

(אויסצוגן פון „רוים און ירושלים“)

... די יידן האָבן שטענדיק, פון דעם סאַמע אָנפאַנג פון זייער געשיכטע, קולטיווירט אין זיך דעם גלויבן אין אַ קומענדיקער משיחישער עפּאָכע. דער דאָזיקער גלויבן איז סימבאָליש אויסגעדריקט אין דער פייערונג פון שבת. די פייערונג פון שבת איז אַ פאַרקערפּערונג פון יענער גרויסער אידיי, וועלכע האָט אונדז תמיד באַזעלט — אַז די צוקונפט וועט מיט זיך ברענגען די פאַרווירקלעכונג פון דעם היסטאָרישן שבת אַזוי ווי די פאַרגאַנגענהייט האָט אונדז געגעבן דעם נאַטור־שבת. אין אַנדערע ווערטער: אַז די געשיכטע וועט אַנטגילטיק האָבן איר עפּאָכע פון האַרמאָנישער פולקאָמענהייט....

... אונדזער צייט איז די משיחישע עפּאָכע. איר שורש ליגט אין דער לערע פון שפּינאָזאַ און צו היסטאָרישער עקזיסטענץ איז זי ענדלעך געקומען דורך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. צוזאַמען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעפאַנגען דער ווידער־געבורט פון פעלקער.

... ווערן דען אין מזרח נישט צוגעגרייט באַדינגונגען; ווערן דאָרט נישט אויסגעפלאַסטערט וועגן; ווערט דען דאָרט נישט דורכגעפירט אין דער וויסטע אַ וועג פאַר ציוויליזאַציע אין דער פאָרם פון סועץ־קאַנאַל און פון דער אייזנבאַן, וועלכע וועט פאַרבינדן אַזיע מיט אייראָפּע? אמת, זיי טראַכטן נישט דערביי וועגן דער אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק. אָבער איר ווייסט דאָך דעם אויסדרוק; „דער מענטש דענקט, גאָט לענקט“. פּונקט ווי אין מערב האָבן זיי געזוכט אַ וועג נאָך אינדיען און זיי האָבן צופעליק אַנטדעקט אַ נייע וועלט, אַזוי וועט אונדזער פאַרלוירן פאָטערלאַנד ווידער אַנטדעקט ווערן אויפן וועג קיין אינדיען און כינע, וועלכער ווערט איצט געבויט אין מזרח...

... בשותפות׳דיקער אייגענער באָדן איז די עלעמענטאַרע באַדינגונג, כדי עס זאָל איינגעפירט ווערן ביי יידן בעסערע און פּראָגרעסיווערע באַציונגען צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט. דער סאָציאַלער מענטש ברויכט פאַר זיין וווּקס און אַנטוויקלונג אַ ברייטן, פרייעם באָדן. אָן אים פאַלט ער צו אַ מדרגה פון אַ פּאַראַזיט, וועלכער איז זיך מתפּרנס אויף יענעמס חשבון.

... די ציוויליזירטע פעלקער פון אונדזער צייט מאַכן צוגרייטונגען פאַר אַ געמיינזאַמער עקספּלאָאַטאַציע פון דער נאַטור. זיי וועלן דאָס דורכפירן דורך אַרבעט געשטיצט אויף וויסנשאַפט, דורך דעם אויסשלוס פון אַלע סאָציאַלע־פּאַראַזיטן. זיי גרייטן זיך צו אַ נייער עפּאָכע דורך קאַמף פאַר אַ פרייעם נאַציאָנאַלן באָדן דורך דעם אָפּשאַפן פון ראַסן־ממשלה און קלאַסן־הערשאַפט, דורך קאָאָפּעראַציע פון אַלע פּראָדוקטיווע קרעפטן...

דאָס יידישע פאָלק וועט אַנטייל נעמען אין דער דאָזיקער גרויסער היסטאָרישער באַוועגונג פון דער איצטיקער מענטשהייט נאָר דעמאָלט, ווען עס וועט האָבן אַן אייגן פאָטערלאַנד...

* * *

...אַזוי זיינען אייערע זינד אויסגעפאַלן צו אונדזער קאָפּ און אייערע פאַרברעכן זיינען געוואָרן אונדזער פּיין. איר האָט אַראָפּגעבראַכט אויף אונדזערע קעפּ דעם שטורם פון שווערד און ס׳האָבן אויף אונדז אַראָפּגעבליצט בליצן און דונערן. אַדאַנק אייערע זינד איז צעברענט געוואָרן אַרום אונדז די שנאה פון פאָלק און דורכן פאַראַט פון אייערע הענט האָט זיך צעפלאַקערט אויף אונדז דער רעליגיעזער האַס ווי אַ פאַרניכטונגס־פייער. אין אונדז זיינען געשליידערט געוואָרן אָנגעשאַרפטע שווערדן און האָבן אַריינגעדרונגען אין די לייבער פון טויזנטער אונדזערע ברידער פון פאָלק, איר האָט דערנידעריקט דאָס גאַנצע פאָלק און מחמת דעם שקר פון אייער האַנדל איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק באַשולדיקט געוואָרן, דאָס זעלבע פאָלק, וואָס ווערט אַליין גערדריקט און געמאַטערט פון אייערע רייבערייען נאָך אַ סך מער ווי אַלע אַנדערע געשלעכטער פון דער ערד.

אהרון ליבערמאַן —

אויסצוג פון זיינעם אַן אויפרוף קעגן די פון יידישן פאָלק, וועלכע פירן אַן אומווירדיק לעבן אַלס יידן און מענטשן.

BPJPL
CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

יוסף פרענקעל
(לאָנדן)

# ד״ר יעקב ערליך ז״ל

אין לאָנדן, ניו־יאָרק און אין אַנדערע דעמאָקראַטישע מקומות האָבן יידישע פּליטים פון עסטרייך געגרינדעט „יעקב ערליך־געזעלשאַפטן". אומעטום זיינען די „יעקב ערליך־פאַריינען" אַ זאַמל־פּונקט פון די עסטרייכישע ציוניסטן.

די „יעקב ערליך־געזעלשאַפט" אין לאָנדן פאַרמאָגט אַן אייגענעם בנין, וואָס איז אַ טרעף־פּונקט פאַר ציוניסטן פון פאַרשיידענע לענדער. אין דער „יעקב ערליך־געזעלשאַפט" באַמיען זיך די נישט־ענגלישע ציוניסטן אַרויסצורייסן דעם ענגלישן ציוניזם פון זיין פאַרגליווערטן צושטאַנד. כמעט יעדן טאָג קומען דאָרט פאָר פאַרזאַמלונגען, קורסן און סעמינאַרן פאַר פּליטים און פאַר אַ ברייטערער אוידיטאָריע.

עס איז נויטיק צו באַקאָנען זיך מיט דער ביאָגראַפיע פון יעקב ערליך ז"ל, בכדי צו פאַרשטיין פאַרוואָס די א. ד. געזעלשאַפטן טראָגן זיין נאָמען.

---

יעקב ערליך ז"ל איז געבוירן געוואָרן אין 1877טן יאָר, אינעם קליינעם שטעטעלע ביסטריץ אַם האָסטעם (מערן, טשעכאָסלאָוואַקיי). ער איז געוועזן דער יינגסטער זון פון אַ קינדער־רייכע פאַמיליע. יעקב'ל האָט באַקומען אַ יידיש־רעליגיעזע דערציונג צוזאַמען מיט וועלטלעכע למודים. ער האָט באַזוכט אַ יידישע שולע און שפּעטער די גימנאַזיע אין קרעמזיר.

אין יענער צייט האָט „מתיתיהו אחר" (נתן בירנבוים) אָנגעפירט מיט דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין אַמאָליקן עסטרייך־אונגאַרן און יעקב ערליך האָט געהערט צו זיינע יינגסטע און באַגייסטערסטע אָנהענגער.

אין יאָר 1896 קומט ערליך קיין ווין, בכדי צו שטודירן אַדוואָקאַטור אויפן ווינער אוניווערזיטעט.

אין דעם זעלביקן יאָר איז דערשינען ד״ר טעאָדאָר הערצל'ס בראָשור „דער יידנשטאַט". ערליך — נאָכן באַקאָנען זיך מיטן אינהאַלט פון דער פּובליקאַציע האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן הערצל'ס אידיי — אָן דעם פּאָליטישן ציוניזם. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידיש־אַקאַדעמישער פאַריייניקונג „עבריה", וועלכע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינעם יידיש־ציוניסטישן סטודענטן־לעבן אין ווין.

אין דער „עבריה" האָט ערליך צוזאַמענגעאַרבעט מיט די ערשטע טרעגער פונעם ציוניסטישן אידעאַל, די דעמאָלטיקע סטודענטן: ע. קראַסני (געשטאָרבן מיט 3 יאָר צוריק אין לאָנדן), ל. פּאָבאָרסקי, אַ. אימערגליק, ע. פריד, אַ. הויזמאַן, מ. נאַסאַו, אַ. קאָרפּלוס, י. ה. קערנער און ל. פרידמאַן. זיי אַלע האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ ציוניסטישן פּראָפּאַגאַנדע־טורנע איבער די פּראָווינצן מערן און שלעזיען און ערליך האָט אין יענער צייט געגרינדעט אַ רייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין מעריש־אָסטרוי, ווייסקירכען, קרעמזיר, בודוייס און אַנדערע שטעט.

די יידן פון מערן זיינען שפּעטער געוואָרן די ציוניסטישע פירער פון עסטרייך. ראָבערט שטריקער, דעזידאָר פרידמאַן און יעקב ערליך — אַלע פון מערן — האָבן מיט דער צייט איבערגענומען די פירונג פונעם ווינער יידנטום. ערליך, איינער פון די בעסטע אָראַטאָרן אין ווינער ציוניזם, האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די אַנטוויקלונג פונעם עסטרייכישן ציוניזם. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין קאַמף קעגן דער פאַרעלטערטער אַסימילאַטאָרישער קליקע אין דער ווינער קהלה. ערליך איז אויך געוועזן דער ערשטער ציוניסטישער פאַרטרעטער אין דער ווינער קולטוס־געמיינדע. אויסגעלאַכט און אויסגעשפּאָט פון די פאַרזשאַווערטע קהלה־לייט איז ערליך געגאַנגען זיין וועג און אַדאַנק זיין קלוגער טאַקטיק איז אים געלונגען צוזאַמען מיט די ציוניסטישע חברים: שטריקער, פרידמאַן און לעווענהערץ צו באַקומען אַ מערהייט אין דער ווינער קהלה. „דעראָבערן די קולטוס־געמיינדע" — איז אַמאָל געוועזן די לאָזונג פון ד״ר הערצל און זי איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך די א. ד. ציוניסטישע מנהיגים.

יעקב ערליך ווערט אָפּט אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ווין. זיין באַליבטסטע טעטיקייט איז געוועזן — די דערציונג פון דער יוגנט אין ציוניסטישן גייסט. י. ערליך האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיטן ווינער אויבער־ראַבינער צ. פּ. חיות ז"ל. ד״ר חיות און ראָבערט שטריקער פלעגן זיין אָפטע אַריינגייער אין דער קאַנצעלאַריע פון י. ערליך, וווּ זיי פלעגן אַרומריידן פאַרשיידענע אַלגעמיין־יידישע און ציוניסטישע פּראָבלעמען.

אין דער לאַנדעס־פּאָליטיק האָט ערליך פאַרטראָטן די ריינע יידישע פּאָליטישע ליניע. „אַ ייד האָט זיך צו שטעלן אונטער אַ יידישער פאָן" איז געוועזן זיין לאָזונג. „אַ ייד, וואָס לויפט נאָך אַנדערע, נישט־יידישע פּאַרטייען, ברענגט שאָדן זיך און דעם יידישן פאָלק" — פלעגט ער אונטערשטרייכן.

ערליך ווערט אָפט אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט און אומעטום פאַרטרעט ער די יידישע רעכט מיט כבוד און ווירדע. ער פאַראינטערעסירט זיך מיט דעם פּראָבלעם פון מינאָריטעטן־רעכט און מינאָריטעטן־שוץ און פאַרעפנטלעכט וועגן דעם אויסגעצייכנטע אַרטיקלען אין דער יידישער פּרעסע.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה קעמפט ערליך 4 יאָר אויפן פראָנט. קיין ווין קומט ער אַ באַהאָנגענער מיט פאַרשיידענע מעדאַלן און אויסצייכענונגען. מיט ברען און ליידנשאַפט וואַרפט ער זיך אַריין אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און אַסימילאַציע, פאַרן ציוניזם און יידישע רעכט.

ווען ראָבערט שטריקער ווערט געוויילט אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט ווערט ערליך און פלאַשקעס אויסגע־

ווילט אין ווינער געמיינדע־ראַט, בכדי צו פאַרטרעטן די ווינער יידישע אינטערעסן.

ערליך קומט אָפט צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן און רעפּרעזענטירט די עסטרייכישע דעלעגאַציע. אין אַלע זיינע האַנדלונגען איז ער באַשיידן. ער ווערט געשעצט פון זיינע קעגנער און פאַרערט פון זיינע אָנהענגער. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ערליך איז באמת „ערליך". ווען ס'פלעגט זיך האַנדלען אין דורכפירן אַ יידישן ענין פלעגט מען אין די ווינער יידישע קרייזן זאָגן: „נאָר אויף ערליכן קאָן מען זיך „ערליך" פאַרלאָזן".

אין די לעצטע יאָרן האָט ד״ר ערליך געהאַט איין ציל: דערפירן צו אַן איינהייט אין די יידישע רייען. ער האָט געמוזט באַקעמפן אַ סך שוועריקייטן, בכדי נישט צו דערלאָזן צו קיין צעשפּליטערונג צווישן די נאַציאָנאַל־געשטימטע יידן און זיי צו האַלטן אין איין אָרגאַניזאַציע.

יעקב ערליך איז געווען פאַרטראָטן אין דער ווינער אַדוואָקאַטן־קאַמער, ווו מען פלעגט אים צוטיילן די שווערס־טע יורידישע פּראָבלעמען. נישט איינמאָל פלעגט טרעפן אַז ד״ר ערליך, וועלנדיק זיך צוריקציען פון דעם ערן־אַמט, וואָס האָט אים געשטערט אין זיין אַרבעט פאַרן יידישן כלל פלעגט זיך אַנטזאַגן פון זיין ערן־אַרבעט; איז קריסט־לעכע און יידישע אַדוואָקאַטן פלעגן אים בעטן, ער זאָל נישט דעמיסיאָנירן.

אין דער צייט פון שושניג־רעזשים אין עסטרייך איז ערליך געווען דער איינציקער נאַציאָנאַלער ייד, וועלכער האָט פאַרטראָטן דאָס ווינער יידנטום אין דאָרטיקן שטאָט־קאָנסול. דעמאָלט, עטלעכע חדשים ערב דער היטלער־אָקופּאַציע פון עסטרייך, האָט יעקב ערליך אין אַ רעפע־ראַט באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם און די דראָענדיקע געפאַר פאַר עסטרייך. די דייטשישע און עסטרייכישע אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט אים דאַן שאַרף אַטאַקירט, כדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון זיין רעדע אין דער עפנטלעכקייט.

## אַין די ערשטע וואָכן פונעם יאָר 1938:

אויף דער וויפּלינגער שטראַסע האָט יעקב ערליך גע־האַט זיין אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע. יעדער ייד האָט גע־קאָנט קומען צו יעדער צייט צו אים. ער האָט שטענדיק יעדן געהאָלפן און פלעגט זיך אָפּזאָגן פון האָנאָראַר הגם ס'איז אים מאַטעריעל שלעכט געגאַנגען. איך געדענק זיינע טרויע־ריקע אויגן אין יענע שווערע טעג. ער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט און תמיד זיך געזאָרגט פאַר אַנדערע. ס'דער־מאָנט זיך מיר אַ סצענע, וואָס קאָן אַמבולטסטן כאַראַק־טעריזירן די פּערזענלעכקייט פון טייערן ייד ערליך:

אַ געווייסן טאָג איז צו אים געקומען אַן אַרבעטס־לאָזער, הונגעריקער ייד און איז געבליבן שטיין אַ פאַר־שעמטער אין קאָרידאָר פון זיין ביוראָ. ווי נאָר ד״ר ערליך האָט אים דערזעען איז ער אויפגעשפּרונגען פונעם בענקל און אים פריינטלעך באַגריסט, כדי דער אָרעמער ייד זאָל זיך פילן ביי אים היימיש. ד״ר ערליך האָט אים מיט פרייד מיטגעטיילט, אַז ער האָט אויסגעפועלט ביים ווינער מאַגיסטראַט אים אויפצונעמען אַלס אַרבעטער צו רייניקן די גאַסן. (פאַר יענער צייט איז דאָס געווען אַ זעלטענע דערגרייכונג, ווייל דער ווינער אַנטיסעמיטישער מאַגיסט־ראַט האָט פּרינציפּיעל נישט געוואָלט אויפנעמען קיין יידי־שע באַאַמטע, אפילו נישט קיין יידישע גאַסן־קערער !). דער ייד האָט די ידיעה אויפגענומען מיט שמחה. ענדלעך וועט זיין פרוי און קינדער נישט ליידן מער קיין נויט. איך האָב אויך באַמערקט, אַז ווען דער ייד איז אַוועק האָט אים ד״ר ערליך, אויף אַ דיסקרעטן אופן אַריינגעשטעקט עטלעכע מינצן, בכדי דער אָרעמער ייד זאָל נישט פאַרשעמט ווערן. ד״ר ערליך האָט דעמאָלט געהאַט אַ גוטן טאָג. חוץ דער שטעלע אַלס גאַסן־קערער פאַר דעם אָרעמען ייד האָט ער פאַר־שאַפט אַ פּאָסטן פאַר אַ צווייטן ייד אַלס טראַמוויי־אָנגע־שטעלטן. ערליכן האָט דאָס מער געפרייט ווי ווען אַ ייד איז אויפגענומען געוואָרן אַלס לערער אָדער פּראָפעסאָר...

אַזוי האָט ער געאַרבעט לטובת הכלל גאַנצע 40 יאָר און דער לוין פאַר זיין אונערמידלעכער אַרבעט איז געווען דער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דאַכאַו...

עטלעכע טעג נאָך היטלערס אַריינמאַרש קיין ווין זיי־נען ד״ר ערליך, דעזידאָר פרידמאַן און ראָבערט שטריקער אַרעסטירט געוואָרן. ד״ר ערליך איז געווען שווער קראַנק און אַ נאַצי־דאָקטאָר האָט אים נאָך דער אונטערזוכונג צו־געשריבן אַ רעצעפּט: ד אַ כ אַ ו.

דער אַרעסט פון די דריי יידישע כלל־טוער האָט געמאַכט אַ שווערן רושם אויף די ווינער ציוניסטישע קרייזן. די „דזשוּיש איידזשענסי" האָט געשיקט פאַר די דריי אַרעס־טירטע יידן סערטיפיקאַטן קיין א״י, אָבער אויפן אויס־דריקלעכן באַפעל פון דער בערלינער „געשטאַפּאָ" האָט מען די אַרעסטירטע נישט באַפרייט.

אַלס שווער־קראַנקער מענטש האָט ד״ר ערליך אין דאַכאַו געמוזט שווער אַרבעטן פון 6 פרי ביז שפּעט אין אָוונט און איז געוואָרן געשלאָגן און געפייניקט אויף אַ גרויזאַמען אופן. נישט קאָנענדיק מער איבערטראָגן די מאָראַלישע און פיזישע ליידן איז ער דאָרט געשטאָרבן.

ד״ר יעקב ערליך איז געווען דער ערשטער ציוניס־טישער פירער, וועלכער איז פאַרפייניקט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע הענקערס אין דאַכאַו. נאָך אים איז גע־קומען די רייע אויף אַ סך אַנדערע.

די פרוי פון ד״ר ערליך, וועלכע האָט זיך נאָך איר מאַנס טויט געראַטעוועט קיין לאָנדן און פון דאָרט אויס־געוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווו זי איז ווייטער טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט דערהאַלטן אַן אָנפראַגע פון מינכן, צי מען זאָל איר מאַן פאַרברענען אָדער דעם מת איבערשיקן קיין ווין. פרוי ערליך האָט אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג, אַז איר טויטער מאַן זאָל באַערדיקט ווערן אין ווין. איר ווונטש איז דערפילט געוואָרן. טויזנטער ווינער יידן זיינען דאַן געקומען אויפן בית־עולם, בכדי אָפּ־צוגעבן דעם לעצטן כבוד דעם גרויסן נפטר, אָבער די „געשטאַפּאָ" האָט קיינעם נישט צוגעלאָזן צום ארון און די מענטשן האָבן נישט געטאָרט צוגיין צום קבר...

דאָס ווינער יידנטום האָט ביטער באַוויינט דעם גרויסן ציוניסטישן מנהיג און איבערגעגעבענעם כלל־טוער. די יידישע פּליטים פון עסטרייך אין לאָנדן געדענקען אַ זאַץ, וואָס ער האָט באַנוצט אין זיין באַגריסונגס־רעדע אויפן 14טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין אין אויגוסט מאָנאַט 1925:

„מיר קעמפן, כדי צו ווערן אַ פריי פאָלק אונטער פרייע פעלקער, פאַר אונדזער אייגענעם גליק און לטובת דער

JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

געזאַמטער מענטשהייט".

בכדי אין דעם זין צו אַרבעטן האָבן די יידישע פּליטים אין לאָנדן און אין ניו־יאָרק געגרינדעט ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס טראָגן דעם נאָמען „יעקב ערליך", וועלכע סימבאָליזירן די צוגעבונדנקייט פון די עסטרייכישע ציוניסטן צו זיין אָנדענק און אַז זיין אַרבעט ווערט ווייטער פאָרטגעזעצט.

די „יעקב ערליך־געזעלשאַפט" אין לאָנדן ווערט אָנגעפירט פון ד״ר בינענפעלד, ד״ר פּאַול שטערן און ד״ר ב. שרעטער. די שטרעבונג פון דער אָרגאַניזאַציע איז — אָפּצוהיטן די צוואה פון יעקב ערליך ז״ל.

מלך ראַוויטש

# וועגן אַ בוך פון 65 זייטן מיטן נאָמען „בעלזשעץ"

דאָס בוך „בעלזשעץ" האָט אין יאָר 1946 אַרויסגעגעבן אין קראָקע די דאָרטיקע וואָיעוואָדישע היסטאָרישע יידישע קאָמיסיע. אַלס מחבר — דאָס בוך איז אין דער פּוילישער שפּראַך — איז אָנגעגעבן רודאָלף רעדער. אָבער רודאָלף רעדער האָט דאָס בוך נישט אויפגעשריבן. דאָס זיינען בלויז נאָטיצן פון זיין באַריכט וועגן זיינע חדשים אין בעלזשעצער טויטן־לאַגער אין יאָר 1942. אין נאָוועמבער איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן און האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין לעמבערג ביז יולי 1944, ווען די רויטע אַרמיי האָט אים באַפרייט. ער איז אַ לעמבערגער, דאָרט געבוירן אין יאָר 1881, פון פאַך אַ זייפן־זידער. די 65 זייטן פון ביכל זיינען איינגעטיילט אין צוויי טיילן. דעם ערשטן טייל פון 35 זייטן האָט אויפגעשריבן ד״ר נעללאַ ראַסט, איינע פון די דריי רעדאַקטאָרן פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע. די זייטן גיבן דעם אַריינפיר אין דעם באַריכט און מאַכן קלאָר די געשיכטע פון דער באַשאַפונג פון דעם טויטן־לאַגער אין בעלזשעץ, דערציילן אויך די געשיכטע פון דעם צופירן די טויטן־טראַנספּאָרטן אַהין און געבן אַ פּאָר אויטענטישע דאָקומענטן פון די דייטשישע שטאַבן. עטלעכע בילדער פון דעפּאָרטאַציע־סצענעס און אַ מאַפּע פון בעלזשעץ, רעקאָנסטרוירט לויט דעם באַריכט פון רודאָלף רעדער דערגענצן דעם טעקסט,

און איצט אַ פּאָר זייטיקע זאַכן, כדי מיר זאָלן בעסער פאַרשטיין דאָס וואָרט „בעלזשעץ" פאַר די קומענדיקע דורות פאַר אונדזער פאָלק.

נפתלי דאָנער, אַ בעלזשעצער לאַנדסמאַן, באַשרייבט אַזוי דאָס שטעטל אין בוענאָס־איירעסער „פּנקס גאַליציע" פון יאָר 1945. „איך געדענק נאָר, אַז יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט בערד און פּאות האָבן זיך אין בעלזשעץ געפילט ווי אין ארץ־ישראל". — — דאָס שטעטל ליגט אויף דער גרענעץ צווישן רוסלאַנד און עסטרייך פון פאַר 1914. דאָס איז געווען די רעזידענץ פון דעם בעלזער רבי'ן. עס ליגט אַן ערך אין דער מיט פון דעם דרייעק, וואָס עס בילדן די שטעט קראָקע, לעמבערג און לובלין. אַז מען קוקט זיך ווייטער אַרום אויף דער מאַפּע זעט מען אַז דאָס איז אַ צענטראַלער פּונקט פון דעם גאַנצן מזרח־יידישן ישוב, דער גרויסער עליפּסע צווישן ריגע און סאַלאָניקי, וואָס איז געווען די היים און אַן ערך אַכט מיליאָנען יידן.

אַ לאַנדסמאַן פון מיין אייגן שטעטל — רעדים — וואָס איז געלעגן אַן ערך 60 קילאָמעטער לופט־ליניע פון בעלזשעץ, האָט מיר דאָ נישט לאַנג געשריבן: מיט דיין מוטער בין איך געווען צוזאַמען אין פּשעמישלאַני אַ געוויסע צייט, זי איז אומגעקומען סוף 1942. זי איז אַוועק מיטן טראַנספּאָרט קיין בעלזשעץ.

לויט דעם איינדרוק פון רודאָלף רעדער זיינען אין דעם לאַגער אומגעקומען צוויי און האַלב מיליאָן יידן און טאַקע אויסשליסלעך יידן. די היסטאָרישע קאָמיסיע שאַצט, אַז די ציפער דאַרף זיין אַן ערך צוויי מיליאָן. רעדער באַהויפּטעט, אַז די דייטשן האָבן בכוונה פון דעם לאַגער קיין סטאַטיסטיק נישט געלאָזן און נישט געפירט.

זינט דעם יאָר 1939 איז האַנס פראַנק געווען דער דייטשישער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון פּוילן און ממילא האָט בעלזשעץ באַלאַנגט צו זיין יוריסדיקציע. דער נירנבערגער טריבונאַל האָט אים פאַרמשפּט צום טויט. אַזוי גיך ווי מען האָט פראַנקן אַרעסטירט איז ער געוואָרן אַ קאַטאָליק. צייטונגס־ידיעות מעלדן, אַז דער פּויבסט וועט זיך איינשטעלן פאַר זיין באַגנעדיקונג...

אַלץ זייטיקע זאַכן — נאָר דאָס אַלץ האָט אַ טיפן שייכות צו דעם קליינעם ביכל „בעלזשעץ", וואָס ליגט אויף מיין טיש. עס איז אפשר דאָס גרויליכסטע ביכל, וואָס איך האָב ווען עס איז אין לעבן געלעזן.

דער בעלזשעצער לאַגער עקזיסטירט נישט מער. קיין שפּור נישט מער פון אים. די געביידעס זיינען פאַרברענט געוואָרן, די ביינער פון דער ערד אַרויסגענומען, צעמאָלן און מיט דעם שטויב זיינען די פעלדער באַמיסטיקט געוואָרן. געבליבן איז נאָר נאָך דער זייטיקער באַן־טראַקט, וואָס פירט אָן אַ ציל מכלומרשט אין אַ וועלדל אַריין און אויף אַ ליידיקן גראָז־פּלאַץ פון אַ קילאָמעטער אין קוואַדראַט. אָט דאָ איז געווען די פאַבריק, וואָס האָט אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942 פּראָדוצירט יעדן טאָג אַן ערך צען טויזנט יידן־טויטן. די יידן זיינען דאָ געטויט געוואָרן אין קאַמערן צו 750 אויף אַמאָל. געטויט האָט מען זיי מיט אַ כעמישן פּראָצעס פון אויסשעפּן די לופט פון די קאַמערן און אַריינלאָזן דאָרט קוילן־גאַז, וואָס ווירקט לאַנגזאַם און דורך וועלכן די מתים קריגן אַן אויסדרוק ווי זיי וואָלטן געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

רודאָלף רעדער באַהויפּטעט, אַז ער איז דער איינציקער עדות, וואָס איז געבליבן פון בעלזשעץ. די טעמע פון איין עדות נאָך אַ מיליאָן אומגעבראַכטע איז אויף אָ גרויליק־איבערצייגנדיקן אופן באַהאַנדלט געוואָרן דורך דור בערגלסאָן אין זיין דערציילונג טאַקע מיט דעם נאָמען

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

„דער עדות — איינער פון אַ מיליאָן". און פּונקט ווי בערגלסאָנ׳ס דערציילונג איז העכסטע און אויך גרוויליקסטע וואָרט־קונסט, אַזוי איז רעדערס פּראָטאָקאָל פון זיינע איבערלעבונגען נאַקעט און גרוויליק ווי אַ סקאַלפּירטער מענטשלעכער קאָפּ, וואָס האָט פּלוצלינג געעפנט זיין מויל און האָט זיך צערעדט וועגן זיינע איבערלעבונגען ביים סקאַלפּירן אים.

צילבאַוווסט ווי אַ חשבון פון דעם שד אַליין איז געוועזן אַלץ אין בעלזשעץ. אַלץ איז דאָ געוועזן באַרעכנט אויף אָפּטאָן דאָס פאַרברעכן פון די פאַרברעכנס נישט נאָר פון דעם פּלאַנעט, דעם בידנעם אונדזערן, נאָר אפשר פון גאַנצן אוניווערז — אָפּטאָן און פאַרווישן די שפּורן. און די שפּורן זיינען טאַקע פאַרווישט געוואָרן — און דאָך איז אַן עדות געבליבן — איינער פון צוויי מיליאָן, און די דרייסיק זייטן פון זיין באַריכט זיינען דאָ שוואַרץ אויף ווייס. נישט אויף אַמאָל דרינגט אַ ידיעה פון אַזאַ גרויל די וועלט אַדורך. זי מוז צוערשט מאַכן פּלאַץ אין דעם באַוווסטזיין פון דער מענטשהייט. לויט די באַריכטן וואָס אונדז איז אויסגעקומען ביז איצט צו לעזן שטעלט בעלזשעץ אין אַ בלוטיקן שאָטן אַוועק אי טרעבלינקע און אי מאַידאַנעק און אויסשוויץ. דאָרט פלעגט מען מיט די קאַצעט־ ניקעס כאָטש אַ ביסל אַרבעטן, סעגרעגירן זיי, דאָ האָט מען באַלד אין ערשטן טאָג געהרגעט דעם גאַנצן טראַנספּאָרט. די איינציקע זאַך, וואָס מען האָט געטאָן איז געוועזן דאָס אָפּראַזירן פון די פרויען־האָר — ביים לעבן נאָך, אויך דאָס אַראָפּציען די לעצטע שמאַטעס פון לייב. דאָס גאָלד פון די ציינער האָט מען אַרויסגעהאַקט שוין נאָכן טויט. (כדי עס צו דעפּאָנירן אין שאַכטס באַנקען. דעם זעלבן שאַכטן וואָס נירנבערג האָט נאָר וואָס ריין־געוואַשן. ריין ווי די גאָלד־דרענגלעך, וואָס בעלזשעץ פלעגט צושטעלן פון די יידישע ציינער). די פריזיערן און דענטיסטן זיינען געוועזן יידן, אויך די טויטן־שלעפּערס צו די קברים. רודאָלף רעדער איז דערפאַר לעבן געבליבן, ווייל ער איז געוועזן אַן „אויוון־קינסטלער" און אויך ווייל ער איז דורך אַ נס אַנטלאָפן. אָפּט האָט ער געהערט אַ קינד שרייען צו דער מאַמען ביים אַריינשטופּן עס אין דער קאַמער אַריין: מאַמע, איך בין דאָך גוט געוועזן, איך בין דאָך אַ גוט קינד — פינצטער, פינצטער... דאָס קליינע ביכל דאַרף איבערגעזעצט ווערן אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. ווי די ביבל. אפשר וועט דאָס רירן דאָס געוויסן פון דעם מין מענטש.

# מיליאָנען יידן זיינען אומגעקומען, ווייל קיין אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע האָט נישט געהאַט קיין צוטריט צו די לאַגערן

## ד״ר קובאָוויצקי שיקט איבער פאָדערונגען צו דער קאָנפערענץ פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ אין זשענעווע, וואָס האָט זיך איצט געעפנט.

ד״ר א. לעאָן קובאָוויצקי, גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן וועלט־קאָנגרעס האָט אַרויסגעגעבן אַ מיטיילונג, אַז דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט אַרויסגעשיקט אַ רייע פאָדערונגען צו דער קאָנפערענץ פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ, וואָס האָט זיך געעפנט אין זשענעווע. דער הויפּט־ציל פון די פאָדערונגען איז, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ זאָל באַקומען די פולע רעכט צו באַשיצן די ציוויליזירטע מענטשהייט קעגן בעסטיאַלישע רדיפות און אויסראָטונגס־אַקטן. מיליאָנען יידן האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס אין דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און גאַז־קאַמערן דערפאַר, וואָס עס איז נישט געוועזן קיין אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל האָבן דעם אויטאָריטעט צו באַזוכן און אינספּעקטירן די פאַרניכטונגס־פלעצער אין בערגן־בעלזן, אָשוויענטשים, טרעבלינקע, בוכנוואַלד און אַנדערע.

ד״ר קובאָוויצקי האָט באַקאַנט געמאַכט די פאָדערונגען, וועלכע דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האָט אַרויסגעשיקט צו דער קאָנפערענץ פון רויטן קרייץ אין זשענעווע, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן מיטן צוועק צו רעווידירן דעם סטאַטוט פון דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. אין יעדן נייעם סטאַטוט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ דאַרף אַריינגענומען ווערן די גאַראַנטיע, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל קאָנען אויסשפּרייטן איר שוץ אויף יעדער פאַרפאָלגטער מינדערהייט, סיי אין פרידנסצייט און סיי בעת מלחמות, אומאָפּהענגיק דערפון, צי די געפאַנגענע און פאַרשפּאַרטע אין לאַגערן ווערן באַטראַכט ווי ציווילע, אָדער ציוויל־אינטערנירטע.

„מיר האַלטן, אַז די דאָזיקע שוץ דאַרף זיין אָבליגאַטאָריש אין יעדער צייט און, אַז אַזעלכע גערודפ׳טע דאַרפן ווערן באַהאַנדלט ווי קריגס־געפאַנגענע"־האָט דערקלערט ווייטער ד״ר קובאָוויצקי. „דער יידישער וועלט־קאָנגרעס האַלט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ דאַרף באַקומען דאָס רעכט צו אינספּעקטירן אַלע אַזעלכע פלעצער, סיי תפיסות און סיי קאָנצענטראַציע־לאַגערן און דאַרף די אינטערנירטע געבן יעדע הילף, ווי שפּייז, קליידונג, מעדיקאַמענטן, ווי אויך באַשיצן זייערע רעליגיעזע און קולטורעלע מנהגים. מיר פאָדערן אויך, אַז קיין שום לאַנד זאָל נישט קאָנען געניסן פון דער הילף פון רויטן קרייץ, סיידן דאָס לאַנד וועט זיך פאַרפליכטן אָפּצוהיטן די דערמאָנטע פּרינציפּן און וועט געבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייץ אַ דיפּלאָמאַטישן סטאַטוט און אויטאָריטעט אויסצופירן זיינע פונקציעס".

BPJPL CULTURE · INSPIRATION JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

# אונדזער לעבן

## די ערשטע עליה פון בעלזן



אויפן באַנהויף פאַרן איינשטייגן אין צוג



יוסף ראָזנזאַפט, הרב יואל האַלפערין און מנחם ערליך (יידישע אַגענץ)
גיבן אַרויס צו די עולים שפייז אויפן וועג



... און וועגן ציגאַרעטן האָט מען אויך געזאָרגט. ביים פאַרטייל־טיש
הלל הומסקי (ייד. אַגענץ) און מר. מאָרען פון דער „אונררא״



די „אונררא״ באַזאָרגט די עולים מיט זופּ און ברויט...



די וואַגאָנען זיינען באַפּוצט געוואָרן מיט כלערליי העברעישע אויפשריפטן

BPJPL
CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

# אין בילד



1



2

1. באַקאַנטע בעלזענער שטיפערס פאַרלאָזן די שול־בענק און דעם פרייהייטס־פּלאַץ, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט מיטן באַלן שעה'ען און טעג, מיטפירנדיק זייער ברען נאָך ארץ־ישראל

2. דער צוג רירט. די „התקוה" רייסט זיך ספּאָנטאַן פון די מיילער. „להתראות" !



3

3. זרובבל, פירער פון די פּועלי־ציון (לינקע) האָט לעצטנס באַזוכט בעלזן

4. זרובבל רעדט צו די בעלזענער יידן

5. צווישן פריינט און סימפּאַטיקער




4



5



אין אַ געשפּרעך מיט פאָרשטייער פון דער יידישער אַגענץ אין בעלזן



אין דער פאַך־שולע



זרובבל און זיין פרוי אין דער באַגלייטונג פון יוסף ראָזנזאַפט
(לעצטער לינקס) ביי דער בעלזענער גאַזקאַמער



זרובבל צווישן בעלזענער פאַרטיי־חברים




פאַרן טויער פון „בעלזן־קאַצעט“

JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES – SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES – FONDS SPÉCIAUX

1. אויפן מאַסן־קבר

2. אויפן מאַסן־קבר

3. די פאָרשטייערשאַפט פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד אויפן „יונייטעד דזשויש אַפּיל“. פון לינקס צו רעכטס: נאָרבערט וואָלהיים (בריטישע זאָנע), לעאָן רעטער, ד״ר פליסקין און שלאָמאָ־וויטש (אַמעריקאַנישע זאָנע)

4. דעלעגאַציע פון דייטשלאַנד מיט (דער צווייטער רעכטס) מ. לעוויט — סעקרעטער פון „דזשאָינט“, ד״ר יוסף שוואַרץ (דריטער פון רעכטס) און ה. סאָבעל (לעצטער רעכטס)

5. נאָרבערט וואָלהיים (שטייענדיק דער צווייטער רעכטס) אויף אַ קאָנפערענץ מיט (זיצנדיק פון לינקס צו רעכטס) הענרי מאָנטאָר, הענרי מאָרגענטוי־יוניאָר, גענעראַל־דירעקטאָר פון „יונייטעד דזשויש אַפּיל“ און וויליאַם ראָזנוואַלד (לעצטער רעכטס)




1




2



3



4



5

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX



„יידישער אַמאַטאָרן אָרקעסטער" פון בעלזן אונטער דער לייטונג
פון ה' קאַנאַרעק קאָנצערטירט מיט גרויס דערפאָלג



די דעלעגאַציע פון די יידן אין דייטשלאַנד אין בנין פון די פאַראייניקטע
נאַציעס מיט אונדזער אַלטן באַקאַנטן קובאַ ניומאַן (דער מיטלסטער)



נאָרבערט וואָלהיים, וויצע־פּאָרזיצנדער פון צ. ק. פון די יידן אין דער
בריטישער זאָנע שילדערט פאַר די אַמעריקאַנישע יידן אונדזער לאַגע




אין בערלין־שלאַכטענזע איז טעטיק מיט גרויס דערפאָלג אַ יידישער
ראַדיאָ־צענטער, וועלכער שפּייזט די לאַגער־יידן מיט די נייעסטע ידיעות




דאָס „יידישע ווינקל" אויף דער אויסשטעלונג פון קאַצעט־אויסשוס אין ברעמען

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX



פסח אין דער ברעמענער שול



פסח אין דער ברעמענער שול



דער ערשטער פסח נאָך דער באַפרייונג אין ברעמען. ביי דער פסח־סעודה זיצן פון לינקס צו רעכטס: קאַרל קאַץ, פאָרזיצנדער פון דער געמיינדע; אַמעריקאַנישער טשאַפּליין יעקב קראַפט און הערמאַן גרינבערג — געמיינדע־סעקרעטאַר



לעבנס־מיטל פאַרטיילונג אין קאַוניץ



אין נוישטאַט־האָלשטיין האָט דער יידישער קאָמיטעט אויפגעבויט אַ בית־עולם פאַר די אומגעקומענע יידישע קאַצעטלער

BPJPL
CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

פּאָול טרעפּמאַן

# אַ שמועס מיטן לעזער

„מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים. וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משבח": — — —

לאָמיר אויף זיך נעמען די דערהאַבענע מצוה און דערציילן נישט וועגן יציאת־מצרים, נישט וועגן דעם היסטאָרישן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, וועלכער איז געווען פרוכטבאַר אין דערפאָלגן און מפּלות, אין יאוש און גלויבן, אין בונט קעגן די גענעראַלן פונעם מדבר־מאַרש און אין געהאָרכזאַמקייט, וואָס דאָס וואַנדערנדיקע פאָלק צווישן די זאַמד־זאַוויערוכעס האָט באַשאָנקען זיינע פירער, נאָר אַנטפּלעקן לאָמיר די סודות פונעם מאָדערנעם, איצטיקן יציאת־איראָפּע, וועלכעס טראָגט מיט זיך איבער די מיט בלוט פאַרגאָסענע סטעזשקעס פונעם איראָפּעישן קאָנטינענט אָט די וויייען אָדער פריידן, וועלכע זיינען אויך דערשינען בימים ההם בזמן הזה.

פּסח איז דאָך אַנערקאָנט געוואָרן אַלס די קרוין פון אַלע אונדזערע ימים־טובים. אין די דאָזיקע אַכט טעג שליידערט יעדער ייד פון זיך אַראָפּ די וואָכעדיקע און אפילו שבת׳דיקע מלבושים און אַנשטאָט זיי באַצירט ער זיין קערפּער מיט בגדי־מלכות, וועלכע גיבן צו אַן אייגנאַרטיקן טעם דעם מהות פון שהחינו, וקימנו, והגיענו לזמן הזה. יעדער ייד ווערט אין דער צייט אַ מלך, זיין ווייב — אַ מלכה און זיינע קינדער — בני מלכים; און אַ כאָר פון מלאכי־טוב שיקט אַראָפּ אַ סימפּאָניע מיט ברכות פאַר יעדע יידישע שטוב און פאַר דער קליינסטער קלייניקייט אין אַ יידישער שטוב.

וואָס דאַרף מען דען מער — אליהו הנביא בכבודו ובעצמו איז זיך מטריח אין יעדן יידישן הויז און טרינקט פון די יום־טוב׳דיקע כוסות.

אַ הימלישע אַטמאָספערע צעשפּרייט זיך אויף אונדזער געשלאָגן און געפּלאָגט וועלטל.

אַזוי איז עס געווען מיט יאָרן צוריק; אַזוי איז עס געווען אפילו אין די טעג פון אומקום — און אַזוי איז עס, מיט קליינע אויסנאַמען, אויך היינט.

ווילן מיר טאַקע אויסנוצן די דאָזיקע יום־טוב׳דיקייט און אַריינכאַפּן אַ שמועס מיט זיין מאַיעסטעט, דעם לעזער פון „אונדער שטימע". אונדזער באַגער איז, אַז דער שמועס מיטן לעזער זאָל זיין באַפּערלט מיט דער קדושה, מיט דער יום־טוב־שטימונג, וואָס אונדזער אויסגעפּוצטער פּסח ברענגט מיט זיך אַריין אין אונדזערע הייזער און דעריבער איז אונדזער פליכט קודם־כל אַדורכצופירן אַ גענויעם בדיקת־חמץ און אויסהיטן זיך פאַר אַזעלכע ענינים, וועלכע זיינען עלול צו צעשטערן די געלייטערטקייט פון די פּסח־טעג.

אַלזאָ — אַוועק פונדאַנען מיט „לאַגער", מיט „שארית־החורבן", מיט אונרראַ", מיט „צוטיילונג", מיט „קאָמיטעט" און אַנדערע פּראָזאַיש־טעגלעכע טערמינען. לאָמיר אָנוואַרעמען, טייערע לעזער, אונדזערע הערצער ביי דער האַרציקייט פון אַ יידישער שטוב, פון אַ חברישער סביבה, פון די אהלי־שם און פירן אונדזער געשפּרעך מיט אויפריכטיקייט, מיט חברישער גורל־געמיינשאַפט וועלכע האָט אונדז געשטאַרקט אין די טעג, ווען מיר האָבן געבויט אונטער נאַהייקעס די באַסטיאָנען פאַרן מאָדערנעם פּרעה.

*

אַלס אַרויסגעבער פון „אונדזער שטימע" ווילן מיר זיך אַדורכריידן מיט אונדזערע חשובע „קאָנסומענטן" וועגן איר [illegible], וועגן איר פאָרם, וועגן איר שפּראַך; וועגן אירע מעלות און דער עיקר וועגן אירע הסרונות, ווייל אַזעלכע פעלן נישט, און ווער און וואָס האָט דערצו גורם געווען. מיר גלויבן, אַז אונדזער היינטיק געשפּרעך געהערט פאַקטיש אויך צום בוך „יציאת איראָפּע" און שליסלעך וועט דאָס געשפּרעך זיין „אויף דער טעמע".

מיר ווייסן נישט, חשובע לעזער, צי אייך איז באַקאַנט, אַז אונדזער צייטונג איז אויסגעשטעלט אויף אַ שאַרפע קריטיק פון פאַרשיידענע צדדים. די פרייד מיט אַ יידיש געדרוקט וואָרט אויף דער דורך אונדז פאַרהאַסטער ערד גייט פאַרלוירן צווישן די פיילן, וועלכע מען צילט אין די זייטלעך פון „אונדזער שטימע".

וואָס טעהנען אונדזערע קריטיקער?

הערט זיך גוט איין צו זייערע רייד און דערנאָך ענטפערט אייך זעלבסט, ווער פון די ביידע צדדים איז גערעכט.

מען וואַרפט פאָר אונדזער צייטשריפט אידייאָזיקייט. נישט מער און נישט ווייניקער, אַז „אונדזער שטימע" האָט נישט קיין בולט׳ן פּרצוף, אַז מען קאָן זיך פון איר נישט דערוויסן צו וואָס פאַראַ פּאָליטישע ליניע זי נויגט זיך און צו וועלכער פּאָליטישער ריכטונג זי איז נוטה. און אין אמת׳ן געזאָגט זיינען מיר דאָך געוווינט געווען פאַר דער מלחמה צו צייטונגען, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט געוויסע פּאַרטייען אָדער פּאָליטישע ריכטונגען. אַלזאָ אויפן ערשטן אויגנבליק גענומען — אַ ריכטיקע און אויסגעהאַלטענע טענה, וועלכע מוז געפינען אַ תקון.

מיר זיינען אָבער אַרויסגעגאַנגען פון אַ גאָר אַנדערער הנחה ווי אונדזערע געערטע קריטיקער. מיר האָבן זיך געזאָגט —

צו גרויס איז דער ים פון שנאה צו אונדז, צו שוואַך איז אונדזער קערפּער נאָכן בלוטיקן געראַנגל און צו מורא׳דיק זיינען די פאַרלוסטן פון דער יידישער שרייבער־משפּחה, אַז מיר זאָלן זיך אַוועקלאָזן אויפן וועג פון צעדריבלקייט, צעשפּליטערטקייט, וואָס האָט פאַרן קריג פאַקטיש אָפּגעשוואַכט דעם אימפּעט פון אונדזער אַרויסטריט קעגן די יידן־שונאים. מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצונעמען אין אונדזערע צייטונגס־שפּאַלטן דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט יידישקייט, מיט יידישער קולטור, מיט יידישער שאַפונג, מיט נאַציאָנאַלע באַפרייונג און פאָלקס־רענעסאַנס, מעג עס קומען פון עקס־לינקן לאַגער אָדער פון עקס־רעכטן.

BPJPL
CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

די קוואַלן, וועלכע באַפרוכטבערן דעם יידישן כבוד, וועלכע באַרייכערן דעם יידישן שאַפונגס־זשעני זיינען אונדז טייער. דעריבער האָבן זיך געטראָפן ביי אונדזער אַרבעטס־טיש פאָרשטייער פון אַלע גרופּירונגען, אָנהויבנדיק פון דער „אגודה", רעוויזיאָניסטן און ענדיקנדיק ביי די לינקע „פועלי־ציון". פאַר דער פּאַרטייישער ערבוביה, וואָס הערשט היינט צוטאָג אויף דער יידישער גאַס אין דייטשלאַנד האָבן מיר זיך געשראָקן און גוט אויסבאַהאַלטן.

דער צווייטער פונקט פון אונדזער אַרבעטס־פּראָגראַם איז דער אומברחמנות'דיקער קאַמף מיט דייטשלאַנד. מיר ווייסן זייער גוט, און וועגן דעם האָבן מיר מיט אַ יאָר צוריק אַלאַרמירט, אַז אויב די אַליירטע וועלן זיך נישט שטרענגער באַנעמען מיט די דייטשן שטייען מיר ערב אַ נייער היטלער־תקופה. דאָס זעט מען שוין היינט אפילו אינמיטן טאָג. די אַליירטע זיינען זייער נאַיוו בנוגע די דייטשן. מען וויקלט זיי אין וואַטע, מען קאָרמעט זיי מיט אידעלע „אונטערזוכונגען" און מען באַמערקט נישט, אָדער מען מען וויל נישט באַמערקן, אַז עס וואַקסט אַ פרישער „פירער", אַז די דייטשישע געפאַר דראָט ווידער אַמאָל דער מענטשהייט. מיר קאָנען זיי, מיר האָבן זיי געשפּירט אויף אונדזערע רוקנס און אונדז זיינען באַקאַנט זייערע מעגלעכקייטן — דעריבער האָבן מיר, די אַרויסגעבער פון „אונדזער שטימע", זיך גענומען אַלס הייליקן חוב נאָכצושפּירן זייער יעדן טראָט און אַלאַרמירן די וועלט וועגן זייער געפאַר. אַנשטאָט צו פאַרטיפן זיך אין פּאַרטייישער פּילפּוליסטיק בעסער שטיין אויף דער וואַך פון אונדזער לעבן, וועלכעס וועט אויפהערן צו זיין באַדראָט נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע דורך מענטשן און הימל לאַנד.

און ענדלעך —

מוזן מיר דערמאָנען. אומויפהערלעך דערמאָנען.

מיר טאָרן נישט אין קיין שום פאַל פאַרגעסן אָט יענעם גיהנום'דיקן וועג, וועלכער האָט געפירט אונדזערע משפחות אין די וויסטקייטן פון אָפּגרונד און אונדז פאַרביטן אין דעם הערלעבסטן צייט־אָפּשניט פון אונדזער לעבן אין געשלאָגענע און געפּלאָגטע מענטשן־חיות. מיר מוזן דערמאָנען יעדן פּרט, יעדן גורם און יחיד, וואָס צוזאַמען האָבן זיי אונדז געשטויסן אין די אָרעמס פונעם ווילד־געוואָרענעם טויט. מיר מוזן דאָס דערמאָנען, און מיט אַ טרער און האַרץ־ווייטיק, טראָץ דעם וואָס מען ראַט אונדז צו פאַרגעסן, איינטינקנדיק אונדזער שמערץ אין אַן עמער פון געלעכטער, בכדי מיר און די, וועלכע וועלן נאָך אונדז קומען זאָלן ציען פון אונדזער אומגליק און אומבאַהאָלפנקייט די געהעריקע מסקנות.

דאָס הייסט אידייאָלאָזיקייט, דאָס רופן אָן אונדזערע קריטיקער „אָן אַ רוקן־ביין".

ווענדן מיר זיך טאַקע צו אונדזערע לעזער: מ ש פּ ט א י ר!

*

עס מוז אָפן און אויפריכטיק דערקלערט ווערן, אַז „אונדזער שטימע" פעלט נאָך זייער פיל, בכדי אַריינגערעכנט צו ווערן צו יענע קולטורעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אין אַלע צייטן באַרייכערט אונדזער קולטור און דעם בנין פון יידישער ליטעראַטור. צו דעם מצב אין דער פרעסע פון דער שארית־הפליטה בכלל און פון „אונדזער שטימע" בפרט האָבן גורם געווען פיל אָביעקטיווע סיבות. קודם־כל, און אין דעם שטעקט אַ שלל פונעם איצטיקן חורבן, זיינען נישט בנמצא קיין יידישע ליטעראַטור־קלאַסיקער ווי: ביאַליק, פּרץ צי מענדעלע, וועלכע זאָלן אויסזינגען פאַר דער וועלט אָדער פאַרייביקן אויף דורות דאָס אַלץ, וואָס האָט מיט אונדז פּאַסירט. עס לעבן טאַקע נאָך אויף לאַנגע יאָרן לייוויק, ניגער, ראַוויטש, רייזען אָדער אַנדערע פון אַ קליינערן קאַליבער אָבער זיי אַלע זיינען דאָך „אין טרעבלינקע נישט געווען" — און ס'איז נישט בטבע פון אַ דיכטער אָדער שריפטשטעלער זיך סומך צו זיין אויסשליסלעך אויף סטאַטיסטיק אָדער דאָקומענטן. האָבן מיר טאַקע, אָרעמע אין וואָרט און גייסט, גענומען אויף זיך, ווערנדיק געשטויסן פון אַן אומבאַשרייבלעכער אינערלעכער קראַפט, אויפצולעבן דאָס יידישע וואָרט. עס דרייען זיך אפילו אַרום צווישן אונדז יונגע יידן מיט אַ געגעבענער מאָס וויסן, וואָס רעקלאַמירן זיך מיט אַ פאַרמלחמה'דיקן שרייבערישן סטאַזש, אָבער זייער טעטיקייט איז סותר ביי זיי דעם טיטל אויף וועלכן זיי פּרעטענדירן. פונקט פאַרקערט —

ביז איצט האָבן זיי געטאָן אַלץ, וואָס האָט געצילט צו צעברעכן דאָס געשאַפענע אָרעמע יידישע וואָרט אין גלות דייטשלאַנד. זיי, אויב זיי זיינען אויסדערוויילט געוואָרן דורכן נישט זעבאַרן שרייבערישן סנהדרין, האָבן געדאַרפט מיט דער גרעסטער קראַפט פון זייער גייסט פאַרפולקאָמען און פונאַנדערצובויען דעם קליינעם בנין פון יידישער קולטור אין דעם ווילדן און וויסטן סטעפּ, אָבער אַנשטאָט דעם האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט אַ קריטן־אַרבעט, וואָס האָט געיאָגט און שטרעבט ווייטער צו צעברעכן די שורות יידישע אותיות. מיר האָבן זיי געבעטן און פאַרבעטן, מיר האָבן זיי אַריינגעלייגט דעם רודער אין די הענט אַריין, אָבער אונדזער אויסגעשטרעקטע האַנט איז פאַרבליבן אין דער לופט אַן אויסגעשטרעקטע און אַ פּוסטע. זיי האָבן אונדזער בעטל־האַנט באַשפּיגן און באַוואָרפן מיט שטיינער; באַשפּיגן אונדזערע הייליקסטע און ערלעכסטע כוונות און דער עיקר, באַשווערט אונדזער אַרבעט. נישט גענוג, וואָס זיי האָבן פאַרלעצט דעם אָנדענקן נאָך דעם מורא'דיקן חורבן, נאָר אויך פאַרלעצט דעם טיטל פון אַ יידישן שרייבער.

אָבער צו וואָס רייסן וווּנדן.

דאָס איז נישט אונדזער זאַך, טראָץ דעם, וואָס עס טוט שטאַרק וויי.

מיר דערציילן עס אייך, חשובע לעזער, נישט דערפאַר, ווייל מיר שטרעבן זיי פאַר אייך צו פאַרמסרן, נאָר וועלנדיק פאַרינטימען אייך מיט די שוועריקייטן ביים אַרויסגעבן „אונדזער שטימע".

*

במשך דער צוויי יעריקער עקזיסטענץ פון אונדזער צייטונג האָבן מיר זיך כסדר געוואָנדן צו כלערליי קולטור־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, ארץ־ישראל, קאַנאַדע און ענגלאַנד וועגן אַריינשיקן אונדז מאַטעריאַלן אין וועלכע מיר נויטיקן זיך ביים געבורט פון יעדן נומער „אונדזער שטימע". אונדזער רעדאַקציע־טיש איז פול מיט קאָפּיעס פון בריוו צו יידישע שרייבער און וויסנשאַפטלער אין דער אומענדליכער יידישער צעשפּרייטקייט, וועלכע בעטן זיך רחמים אַריינצושיקן אונדז אַן אַרטיקל, אַ ליד אָדער אַ

BPJPL CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

פּאַול טרעפּמאַן

# אַ שמועס מיטן לעזער

„מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים. וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משבח“: — — —

לאָמיר אויף זיך נעמען די דערהאַבענע מצוה און דערציילן נישט וועגן יציאת־מצרים, נישט וועגן דעם היסטאָרישן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, וועלכער איז געווען פרוכטבאַר אין דערפאָלגן און מפּלות, אין יאוש און גלויבן, אין בונט קעגן די גענעראַלן פונעם מדבר־מאַרש און אין געהאָרכזאַמקייט, וואָס דאָס וואַנדערנדיקע פאָלק צווישן די זאַמד־זאַווערוכעס האָט באַשאָנקען זיינע פירער, נאָר אַנטפּלעקן לאָמיר די סודות פונעם מאָדערנעם, איצטיקן יציאת־אייראָפּע, וועלכעס טראָגט מיט זיך איבער די מיט בלוט פאַרגאָסענע סטעזשקעס פונעם אייראָפּעישן קאָנטינענט אָט די ווייען אָדער פריידן, וועלכע זיינען אויך דערשינען בימים ההם בזמן הזה.

פּסח איז דאָך אַנערקאָנט געוואָרן אַלס די קרוין פון אַלע אונדזערע ימים־טובים. אין די דאָזיקע אַכט טעג שליידערט יעדער ייד פון זיך אַראָפּ די וואָכעדיקע און אפילו שבת׳דיקע מלבושים און אַנשטאָט זיי באַצירט ער זיין קערפּער מיט בגדי־מלכות, וועלכע גיבן צו אַן אייגנאַרטיקן טעם דעם מהות פון שהחינו, וקימנו, והגיענו לזמן הזה. יעדער ייד ווערט אין דער צייט אַ מלך, זיין ווייב — אַ מלכה און זיינע קינדער — בני מלכים; און אַ כאָר פון מלאכי־טוב שיקט אַראָפּ אַ סימפּאָניע מיט ברכות פאַר יעדע יידישע שטוב און פאַר דער קלענסטער קלייניקייט אין אַ יידישער שטוב.

וואָס דאַרף מען דען מער — אליהו הנביא בכבודו ובעצמו איז זיך מטריח אין יעדן יידישן הויז און טרינקט פון די יום־טוב׳דיקע כוסות.

אַ הימלישע אַטמאָספערע צעשפּרייט זיך אויף אונדזער געשלאָגן און געפּלאָגט וועלטל.

אַזוי איז עס געווען מיט יאָרן צוריק; אַזוי איז עס געווען אפילו אין די טעג פון אומקום — און אַזוי איז עס, מיט קליינע אויסנאַמען, אויך היינט.

ווילן מיר טאַקע אויסנוצן די דאָזיקע יום־טוב׳דיקייט און אַריינכאַפּן אַ שמועס מיט זיין מאַיעסטעט, דעם לעזער פון „אונדער שטימע“. אונדזער באַגער איז, אַז דער שמועס מיטן לעזער זאָל זיין באַפּערלט מיט דער קדושה, מיט דער יום־טוב־שטימונג, וואָס אונדזער אויסגעפּוצטער פּסח ברענגט מיט זיך אַריין אין אונדזערע הייזער און דעריבער איז אונדזער פליכט קודם־כל אַדורכצופירן אַ גענויעם בדיקת־חמץ און אויסהיטן זיך פאַר אַזעלכע ענינים, וועלכע זיינען עלול צו צעשטערן די געלייטערטקייט פון די פּסח־טעג.

אַלזאָ — אַוועק פונדאַנען מיט „לאַגער“, מיט „שארית־החורבן“, מיט אונרראַ“, מיט „צוטיילונג“, מיט „קאָמיטעט“ און אַנדערע פּראָזאַיש־טעגלעכע טערמינען. לאָמיר אָנוואַרעמען, טייערע לעזער, אונדזערע הערצער ביי דער האַרציקייט פון אַ יידישער שטוב, פון אַ חברישער סביבה, פון די אהלי־שם און פירן אונדזער געשפּרעך מיט אויפריכטיקייט, מיט חברישער גורל־געמיינשאַפט וועלכע האָט אונדז געשטאַרקט אין די טעג, ווען מיר האָבן געבויט אונטער נאַהייקעס די באַסטיאָנען פאַרן מאָדערנעם פּרעה.

*

אַלס אַרויסגעבער פון „אונדזער שטימע“ ווילן מיר זיך איבערדורכריידן מיט אונדזערע חשובע „קאָנסומענטן“ וועגן איר אינהאַלט, וועגן איר פאָרם, וועגן איר שפּראַך; וועגן אירע מעלות און דער עיקר וועגן אירע חסרונות, ווייל אַזעלכע פעלן נישט, און וועך און וואָס האָט דערצו גורם געווען. מיר גלויבן, אַז אונדזער היינטיק געשפּרעך געהערט פאַקטיש אויך צום בוך „יציאת אייראָפּע“ און שליסלעך וועט דאָס געשפּרעך זיין „אויף דער טעמע“.

מיר ווייסן נישט, חשובע לעזער, צי אייך איז באַקאַנט, אַז אונדזער צייטונג איז אויסגעשטעלט אויף אַ שאַרפע קריטיק פון פאַרשיידענע צדדים. די פרייד מיט אַ יידיש געדרוקט וואָרט אויף דער דורך אונדז פאַרהאַסטער ערד גייט פאַרלוירן צווישן די פיילן, וועלכע מען צילט אין די זייטלעך פון „אונדזער שטימע“.

וואָס טענהן אונדזערע קריטיקער?

הערט זיך גוט איין צו זייערע רייד און דערנאָך ענטפערט אייך זעלבסט, ווער פון די ביידע צדדים איז גערעכט.

מען וואַרפט פאָר אונדזער צייטשריפט אידייִלאָזיקייט. נישט מער און נישט ווייניקער, אַז „אונדזער שטימע“ האָט נישט קיין בולט׳ן פּרצוף, אַז מען קאָן זיך פון איר נישט דערוויסן צו וואָס פאַראַ פּאָליטישע ליניע זי נייגט זיך און צו וועלכער פּאָליטישער ריכטונג זי איז נוטה. און אין אמת׳ן געזאָגט זיינען מיר דאָך געווינט געווען פאַר דער מלחמה צו צייטונגען, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט געוויסע פּאַרטייען אָדער פּאָליטישע ריכטונגען. אַלזאָ אויפן ערשטן אויגנבליק גענומען — אַ ריכטיקע און אויסגעהאַלטענע טענה, וועלכע מוז געפינען אַ תקון.

מיר זיינען אָבער אַרויסגעגאַנגען פון אַ גאָר אַנדערער הנחה ווי אונדזערע געערטע קריטיקער. מיר האָבן זיך געזאָגט —

צו גרויס איז דער ים פון שנאה צו אונדז, צו שוואַך איז אונדזער קערפּער נאָכן בלוטיקן געראַנגל און צו מורא׳דיק זיינען די פאַרלוסטן פון דער יידישער שרייבער־משפּחה, אַז מיר זאָלן זיך אַוועקלאָזן אויפן וועג פון צעדריבלקייט, צעשפּליטערטקייט, וואָס האָט פאַרן קריג פאַקטיש אָפּגעשוואַכט דעם אימפּעט פון אונדזער אַרויסטריט קעגן די יידן־שונאים. מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצונעמען אין אונדזערע צייטונגס־שפּאַלטן דאָס אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט יידישקייט, מיט יידישער קולטור, מיט יידישער שאַפונג, מיט נאַציאָנאַלע באַפרייונג און פאָלקס־רענעסאַנס, מעג עס קומען פון עקס־לינקן לאַגער אָדער פון עקס־רעכטן.

BPJPL Culture · Education · Inspiration
Jewish Public Library Archives + Special Collections
Bibliothèque publique juive Archives + Fonds spéciaux

די קוואַלן, וועלכע באַפרוכטבערן דעם יידישן כבוד, וועלכע באַרייכערן דעם יידישן שאַפונגס־זשעני זיינען אונדז טייער. דעריבער האָבן זיך געטראָפן ביי אונדזער אַרבעטס־טיש פאָרשטייער פון אַלע גרופּירונגען, אָנהויבנדיק פון דער „אגודה", רעוויזיאָניסטן און ענדיקנדיק ביי די לינקע „פּועלי־ציון". פאַר דער פאַרטיייִשער ערבוביה, וואָס הערשט היינט צוטאָג אויף דער יידישער גאַס אין דייטשלאַנד האָבן מיר זיך געשראָקן און גוט אויסבאַהאַלטן.

דער צווייטער פּונקט פון אונדזער אַרבעטס־פּראָגראַם איז דער אומבארחמנות׳דיקער קאַמף מיט דייטשלאַנד. מיר ווייסן זייער גוט, און וועגן דעם האָבן מיר מיט אַ יאָר צוריק אַלאַרמירט, אַז אויב די אַלייִרטע וועלן זיך נישט שטרענגער באַנעמען מיט די דייטשן שטייען מיר ערב אַ נייער היטלער־תקופה. דאָס זעט מען שוין היינט אפילו אינמיטן טאָג. די אַלייִרטע זיינען זייער נאַיוו בנוגע די דייטשן. מען וויקלט זיי אין וואַטע, מען קאָרמעט זיי מיט אידעלע „אונטערזוכונגען" און מען באַמערקט נישט, אָדער מען מען וויל נישט באַמערקן, אַז עס וואַקסט אַ פרישער „פירער", אַז די דייטשישע געפאַר דראָט ווידער אַמאָל דער מענטשהייט. מיר קאָנען זיי, מיר האָבן זיי געשפּירט אויף אונדזערע רוקנס און אונדז זיינען באַקאַנט זייערע מעגלעכקייטן — דעריבער האָבן מיר, די אַרויסגעבער פון „אונדזער שטימע", זיך גענומען אַלס הייליקן חוב נאָכצושפּירן זייער יעדן טראָט און אַלאַרמירן די וועלט וועגן זייער געפאַר. אַנשטאָט צו פאַרטיפן זיך אין פאַרטיייִשער פּילפּוליסטיק בעסער שטיין אויף דער וואַך פון אונדזער לעבן, וועלכעס וועט אויפהערן צו זיין באַדראָט נאָר דעמאָלט, ווען מיר וועלן פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע דורך מענטשן און הימל לאַנד.

און ענדלעך —

מוזן מיר דערמאָנען. אומויפהערלעך דערמאָנען.

מיר טאָרן נישט אין קיין שום פאַל פאַרגעסן אָט יענעם גיהנום׳דיקן וועג, וועלכער האָט געפירט אונדזערע משפחות אין די וויסטקייטן פון אָפּגרונד און אונדז פאַרביטן אין דעם הערלעבסטן צייט־אָפּשניט פון אונדזער לעבן אין געשלאָגענע און געפּלאָגטע מענטשן־חיות. מיר מוזן דערמאָנען יעדן פּרט, יעדן גורם און יחיד, וואָס צוזאַמען האָבן זיי אונדז געשטויסן אין די אָרעמס פונעם ווילד־געוואָרענעם טויט. מיר מוזן דאָס דערמאָנען, און מיט אַ טרער און האַרץ־ווייטיק, טראָץ דעם וואָס מען ראָט אונדז צו פאַרגעסן, אייננטינקנדיק אונדזער שמערץ אין אַן עמער פון געלעכטער, בכדי מיר און די, וועלכע וועלן נאָך אונדז קומען זאָלן ציען פון אונדזער אומגליק און אומבאַהאָלפנקייט די געהעריקע מסקנות.

דאָס הייסט אידיילאָזיקייט, דאָס רופן אָן אונדזערע קריטיקער „אָן אַ רוקן־ביין".

ווענדן מיר זיך טאַקע צו אונדזערע לעזער: מ ש פּ ט א י ר !

*

עס מוז אָפן און אויפריכטיק דערקלערט ווערן, אַז „אונדזער שטימע" פעלט נאָך זייער פיל, בכדי אַריינגערעכנט צו ווערן צו יענע קולטורעלע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אין אַלע צייטן באַרייכערט אונדזער קולטור און דעם בנין פון יידישער ליטעראַטור. צו דעם מצב אין דער פּרעסע פון דער שארית־הפליטה בכלל און פון „אונדזער שטימע" בפרט האָבן גורם געווען פיל אָביעקטיווע סיבות. קודם־כל, און אין דעם שטעקט אַ שלל פונעם איצטיקן חורבן, זיינען נישט בנמצא קיין יידישע ליטעראַטור־קלאַסיקער ווי: ביאַליק, פּרץ צי מענדעלע, וועלכע זאָלן אויסזינגען פאַר דער וועלט אָדער פאַרייביקן אויף דורות דאָס אַלץ, וואָס האָט מיט אונדז פּאַסירט. עס לעבן טאַקע נאָך אויף לאַנגע יאָרן לייוויק, ניגער, ראַוויטש, רייזען אָדער אַנדערע פון אַ קלייִנערן קאַליבער אָבער זיי אַלע זיינען דאָך „אין טרעבלינקע נישט געווען" — און ס׳איז נישט בטבע פון אַ דיכטער אָדער שריפטשטעלער זיך סומך צו זיין אויסשליסלעך אויף סטאַטיסטיק אָדער דאָקומענטן. האָבן מיר טאַקע, אָרעמע אין וואָרט און גייסט, גענומען אויף זיך, ווערנדיק געשטויסן פון אַן אומבאַשרייבלעכער אינערלעכער קראַפט, אויפצולעבן דאָס יידישע וואָרט. עס דרייען זיך אפילו אַרום צווישן אונדז יונגע יידן מיט אַ געגעבענער מאָס וויסן, וואָס רעקלאַמירן זיך מיט אַ פאַרמלחמה׳דיקן שרייבערישן סטאַזש, אָבער זייער טעטיקייט איז סותר ביי זיי דעם טיטל אויף וועלכן זיי פּרעטענדירן. פּונקט פאַרקערט —

ביז איצט האָבן זיי געטאָן אַלץ, וואָס האָט געצילט צו צעברעכן דאָס געשאַפענע אָרעמע יידישע וואָרט אין גלות דייטשלאַנד. זיי, אויב זיי זיינען אויסדערוויילט געוואָרן דורכן נישט זעבאַרן שרייבערישן סנהדרין, האָבן געדאַרפט מיט דער גרעסטער קראַפט פון זייער גייסט פאַרפולקאָמען און פונאַנדערצובויען דעם קלייִנעם בנין פון יידישער קולטור אין דעם ווילדן און וויסטן סטעפּ, אָבער אַנשטאָט דעם האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט אַ קריטן־אַרבעט, וואָס האָט געיאָגט און שטרעבט ווייטער צו צעברעכן די שורות יידישע אותיות. מיר האָבן זיי געבעטן און פאַרבעטן, מיר האָבן זיי אַריינגעלייגט דעם רודער אין די הענט אַריין, אָבער אונדזער אויסגעשטרעקטע האַנט איז פאַרבליבן אין דער לופט אַן אויסגעשטרעקטע און אַ פּוסטע. זיי האָבן אונדזער בעטל־האַנט באַשפּיגן און באַוואָרפן מיט שטיינער; באַשפּיגן אונדזערע הייליקסטע און ערלעכסטע כוונות און דער עיקר, באַשווערט אונדזער אַרבעט. נישט גענוג, וואָס זיי האָבן פאַרלעצט דעם אָנדענקן נאָך דעם מורא׳דיקן חורבן, נאָר אויך פאַרלעצט דעם טיטל פון אַ יידישן שרייבער.

אָבער צו וואָס רייסן ווונדן.

דאָס איז נישט אונדזער זאַך, טראָץ דעם, וואָס עס טוט שטאַרק וויי.

מיר דערציילן עס אייך, חשובע לעזער, נישט דערפאַר, ווייל מיר שטרעבן זיי פאַר אייך צו פאַרמסרן, נאָר וועלנדיק פאַרינטימען אייך מיט די שוועריקייטן ביים אַרויסגעבן „אונדזער שטימע".

*

במשך דער צוויי יעריקער עקזיסטענץ פון אונדזער צייטונג האָבן מיר זיך כסדר געוואָנדן צו כלערליי קולטור־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, ארץ־ישראל, קאַנאַדע און ענגלאַנד וועגן אַריינשיקן אונדז מאַטעריאַלן אין וועלכע מיר נויטיקן זיך ביים געבורט פון יעדן נומער „אונדזער שטימע". אונדזער רעדאַקציע־טיש איז פול מיט קאָפּיעס פון בריוו צו יידישע שרייבער און וויסנשאַפטלער אין דער אומענדליכער יידישער צעשפּרייטקייט, וועלכע בעטן זיך רחמים אַריינצושיקן אונדז אַן אַרטיקל, אַ ליד אָדער אַ

BPJL CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

פּאָעמע פאַר די לאַגער־יידן, וואָס זיינען יאָרן־לאַנג געוועזן אָפּגעריסן פונעם לעבעדיקן מוטער־שטאַם. איר זעט דאָך — האָבן מיר צו זיי געשריבן — אַז אייערע אַרטיקלען אין „אייער" פּרעסע וועקן נישט די כלאָראָפאָרמירטע געמיטער פון די אויסלענדישע יידן. רעדוצירט אייער אַרבעט פאַר „אייערע" יידן אויף דרייסיק פּראָצענט און נעמט אויף זיך די פליכט צו דערציען און איבערדערציען די לעבן־געבליבענע יידן. מיר נויטיקן זיך נישט בלויז אין אַ פּושקע, נישט בלויז אין אַ פּאָר הויזן, נישט נאָר אין אַ טרייסט־וואָרט, געשיקט פון אייך צו אונדז אומדירעקט, דורך אייערע צייטשריפטן, וועלכע קומען צו אונדז אָן מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און וועמענס אינהאַלט איז אין גרעסטן טייל נישט צוגעפּאַסט פאַר אונדזער מענטאַליטעט און פאַר אונדזער פּסיכיק; נאָר אונדזער וועזן לעכצט נאָך מורי־דרך, נאָך דערציער, נאָך באַקוויקער פון אונדזערע געדאַנקען, וועלכע זאָלן ריידן צו אונדז אונמיטלבאַר, פון דער פּרעסע, וואָס איז ביי אונדז אויסגעוואַקסן.

אזוי האָבן מיר צו זיי געשריבן, צו די געזאַלבטע פון אונדזער טייער יידיש וואָרט. אָפּגערופן האָט זיך אויף אונדזער אַפּעל נאָר איינער — מלך ראַוויטש. און ער, דער באַקאַנטער שריפטשטעלער און ליטעראַטור־קריטיקער האָט געצויגן פון זיין האַרץ אין קאַנאַדע אַ פאָדעם דורך וועלכן ער שיקט צו אונדז אַריבער וואַרעמקייט פון יידישן וויסן; זאַלב־זוימען פון יידישער אַנטוויקלונג און אויפקלערונג. אויף אַזאַ אופן האָט ראַוויטש פאַרשטאַנען די הילף פאַר דער שארית־הפליטה. פון א"י האָט שאַיאַק־טשאַרנעזאָן, אַ יונגער באַגאַבטער דיכטער, אַריינגעשיקט עפּעס און שאַ... ; פון ענגלאַנד, האָט זיך איצט יוסף פרענקעל גענומען צו דער אַרבעט פאַר אונדז.

דאָס איז דער בילאַנס פון דער הילפס־טעטיקייט, וואָס די מעטראָפּאָליע פונעם יידישן געדרוקטן וואָרט, די הונדערטער יידישע שרייבער, די צענדליקער פאַרלאַגן און אַ צאָל צייטונגען און זשורנאַלן האָבן פאַר אונדז געלייסטעט. אַן אָרעמער בילאַנס, אַ נישטיקער און נעבעדיקער אין פאַרגלייך מיט אונדזערע נויטן און באַדערפענישן. ס'איז נישט צו פאַרגלייכן.

איז עס אפשר אונדזער שולד, טייערע לעזער, וואָס מיר פאַרמאָגן נישט די געווונטשענע סכומים איינצוצאָלן פון פאָרויס פאַר אַרטיקלען?

איז עס אונדזער שולד?

אדרבה, משפט איר.

*

אַ גרויסער פּראָצענט פון דער קריטיק אויף „אונדזער שטימע" טראָגט אין זיך די טענה, הלמאי דערשיינט נישט אונדזער אויסגאַבע רעגולער?

פאַקטיש מוזן מיר זיך פאַריייניקן מיט די קריטיקער פון דעם קאַפּיטל און אַרויסשיקן אונדזער געמיינזאַמען אַפּעל נישט צו די אַרויסגעבער, נאָר דווקא צו דער מיליטער־רעגירונג און פאָדערן אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דעם קלאָגעדיקן מצב. זייט דער עקזיסטענץ פון אונדזער צייטונג האָבן מיר נאָך קיין איין גראַם פּאַפּיר נישט באַקומען פון די מיליטער־באַהערדן פאַר אונדזערע צוועקן. און געפאָדערט האָבן מיר ביי זיי כמה וכמה מאָל. און נישט נאָר פּאַפּיר, אפילו אַזאַ בענזין־באַשעפעניש ווי אַן אויטאָ איז אונדז אָפּגעזאָגט געוואָרן. איר מאָלט זיך זיכער אויס, וואָס פאַראַ באַדייטונג עס האָט אַן אויטאָ אין רעדאַקציאָנעלער אַרבעט. און שטוינען וועט איר זיכער, ווען מיר וועלן אייך מגלה סוד זיין, אַז ביזן היינטיקן טאָג פאַרמאָגן מיר נאָך נישט קיין אָפיציעלע דערלויבעניש פון דער פּרעסע־אָפּטיילונג אַרויסצוגעבן „אונדזער שטימע", ווי עס געבן אַרויס אָפיציעל זייערע וואָכן־ און טאָג־צייטונגען די אוקראַאינער און ליטווינער אין אונדזער זאָנע. אַנשטאָט די אַלע פּריווילעגיעס און פאַרלייכטערונגען, וואָס עס קומט אונדז דע יורע, האָט מען אונדז באַשאָנקען מיט אַ מיליטער־געריכט פאַר וועלכן מיר האָבן געמוזט געבן אויפקלערונגען און דערקלערונגען וועגן ציל פון אונדזער צייטשריפט און אַ צוזאָג, אַז אונדזער געדרוקט וואָרט וועט קיינמאָל נישט באַשמוצן די אַליירטע. מיר פון אונדזער זייט האָבן דאָך זיכער נישט געשטרעבט פאַרצושטעלן אונדזערע באַפרייער אין אַ טרויער־ראַם. עס איז אַלזאָ אַ כאַראַקטעריסטישער באַווייז פון זייער באַציונג צו אונדז ווען אין זייערע מוחות איז געבוירן געוואָרן אַ פאַרדאַכט און אַן אומצוטרוי צו אונדזערע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן זייער טעטיקייט און דייטשלאַנד אין באַצוג צו די דייטשן און צו די י דישע דיפּיס.

און דאָס נאָר וואָס געשילדערטע קאַפּיטל איז אויך געוועזן אַ שפּאָרעוודיקע מניעה אין אונדזער צוויי־יעריקער רעדאַקציע־אַרבעט. דאָס מוז מען קאָנען פאַרשטיין און וועלן באַנעמען און דאַן ווערט קלאָר די פאָרמול וועגן דער „פאַרשאָלטענער פאַרשפּעטיקונג".

*

איינזאַם זיינען מיר פאַרבליבן מיט אונדזער פאַנאַטישן ווילן און מיט די פּאָר צענדליקער יידישע ביכער, וואָס די פריינט אָסטרעגער און קרישטאַלקע פון קאַנאַדע האָבן אונדז פון צייט צו צייט צוגעשיקט. מיר האָבן אָנגעהויבן אַ נייע סדרה אין „אונדזער שטימע": פּאָפּולאַריזירן שאַפונגען פון אונדזערע מנהיגים, קלאַסיקער און קולטור־גדולים. מיר זיינען נישט קיין ליטעראַרישע גרופּע, וועלכע שפּייזט דעם לעזער מיט נייע-געדאַנקען, מיט פרישע ליטעראַרישע ריכטונגען אָדער מיט נאָר וואָס אויפגעקומענע שטרעמונגען. מיר דערלויבן זיך צו נעמען אַ וואָרט אין די דערמאָנטע אַנגעלעגנהייטן, אָבער מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר אָריגינעלקייט, ווייל צו שוואַך זיינען אונדזערע כוחות צו לאָזן זיך אויף דעם לאָקנדיקן אָבער מיט שטרויכלונגען פאַרפולטן וועג. מיר האָבן זיך נישט געהאַלטן באַרופן צו דעם דאָזיקן דערהאַבענעם שליחות. מיר האָבן זיך פון אָנפאַנג אָן געזען אַלס טרייע דינער פונעם יידישן וואָרט, וועלכעס האָט אין אַלע צייטן אַריינגעבראַכט הייטערקייט אין די געצעלטן פון דער יידישער געפאַלנקייט. אַזוי האָבן מיר פאַרשטאַנען אונדזער אויפגאַבע. ס'קאָן זיין, אַז מיר האָבן געהאַט אַ טעות און די ריכטיקייט איז גאָר מיט די אַנדערע. דאָס וועט אָבער באַווייזן די צוקונפט. זי וועט דאָס זיין אונדזער ריכטערין און אויף איר וועלן מיר זיך פאַרלאָזן.

אונדזערע יידן, די יידן פון די לאַגערן, געטאָס און וועלדער, האָבן אין די תהומות־דיקע צייטן זייער פיל פאַרגעסן. פאַר אַנדערע איז בכלל פיל געוועזן אומבאַקאַנט. אַלזאָ און חדר אַריין ברידער יידן! לייענט טשעריקאָווער'ן, זרובבל'ען, זשאַבאָטינסקין, בן־גוריונ'ען; דערקוויקט אייך מיט לייוויק'ן, ליעסינען, צייטלינען, פּרצ'ן, שלום־עליכם

JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

און אַנדערע אונדזערע וואָרט־מייסטערס; באַקאָנט אייך מיט די זאַפטן פון אונדזערע הייליקע ספרים; נעמט צו דאָס אַלץ, וואָס עס איז ביי אונדז געשאַפן געוואָרן אין פאַרשיידענע תקופות, ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען. דאָס איז געווען דער וועג אויף וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן צו טרעטן, דאָס איז דער וועג אויף וועלכן מיר גייען נאָך היינט — און דאָס וועט מסתמא אויך זיין דער וועג אויף וועלכן מיר וועלן להבא ציען. קיין אַנדערן האָבן מיר דערווייל נישט, ווייל אונדזערע יידישע שרייבער מעבר־לים אינטערעסירן זיך ווייניק מיט אונדזערע פלענער און קיין צווייטער פּרץ אָדער אַנ־סקי צי מענדעלע איז פון די חורבות נאָך עד היום נישט אויסגעוואַקסן פון צווישן אונדז. עס איז אפילו פאַראַן אַ שרייבער־פאַרבאַנד אין דייטשלאַנד, אָבער דער סוד וועגן אים איז דאָך פאַר אונדז נישט אויסבאַהאַלטן און מינכן וועט אין די היינטיקע באַדינגונגען קיינמאָל נישט פאַרטרעטן טלאָמאַצקע־גאַס.

אין אַזעלכע ווייען ווערן געבוירן די זייטלעך „אונדזער שטימע"; מאָגערע זייטלעך, פאַרשוואַרצטע און אויסגעהאָרעוועטע, אויסגעטראָגענע אין יסורים פונעם שווערן היינט, אָבער באַהויכטע מיט אַ האָפענונג אין אַ שיינענדיקן, גליקלעכן מאָרגן.

און אַמאָל, אין יאָרן אַרום, וועלן אונדזערע שורות דערציילן וועגן דעם ביטערן גראַנגל פון די יידן אין דער בריטישער זאָנע פון דייטשלאַנד; זיי וועלן בייסן דעם קערפּער פונעם בריטישן לייב, אַנטפּלעקנדיק פאַר דער וועלט אַ דאָקומענט וועגן אַן אמת פון אַ הימל־שרייענדיקן שקר פון אַ פאָלק, וועלכעס פּרעטענדירט אויף די איידלסטע געוויקסן פונעם מאָדערנעם גן־עדן. יציאת־אייראָפּע אין אַ פאַלסיפיצירטער אויסגאַבע — דאָס וועט קיין שום צענזור אין דער וועלט נישט פאַרווישן.

אַלזאָ, אַ גוטן יום־טוב, טייערע לעזער. אַנטשולדיקט פאַר דער וואָכעדיקייט, וואָס מיר האָבן אַריינגעבראַכט מיט אונדזערע ווערטער אין דער געהויבענער שטימונג פון אייער פּסח׳דיקער נשמה.

אינזש. לודוויק זייף

# כהא לחמה׳ עניא...

אָרעם איז געווען דאָס ברויט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געגעסן אין דעם לאַנד מצרים, אָרעם שקלאַפן־ברויט אין דעם לאַנד פון פאַרקנעכטונג און אויך אָרעם אין דער שעה פון באַגינענדיקער באַפרייונג. אונטער דער לאַסט פון נישט־אויפהערנדיקער און כסדר שטייגנדיקער אונטערדריקונג האָט דער גייסט ווי דער גוף זיך געבויגן אונטער דעם יאָך פון הערשנדיקן געוואַלד, מיט אומצערייסבאַרע קייטן צוגעשמידט צו די טאָג־טעגלעכע זאָרגן. די געדאַנקען האָבן ווי געפּענטעטע פייגל געפלאַטערט אין ענגן קרייז פון דעם דערנידעריקטן, טעמפּן בליק און יעדער שווונג און גייסטיקע רעגונג איז דערטרונקען געוואָרן אין קרעכץ און זיפץ פון מאַטערניש, פּלאָג, פּיין און ווייטיק. אַ פאָלק — אין קייטן. זיין לעבן אָפּהענגיק פון דער גנאַד פון די מעכטיקע; אָרעם זיין שפּייז און אָרעם זיין גייסט. נישט פייק אָפּצוענטפערן אויף דעם ערשטן רוף פון דער פרייהייט, קאָן עס זיך אויך נישט גלייך דערהויבן, ווען די קייטן רייסן זיך און די פרייהייט קומט שוין אָן. שוואַך און אומבאַהאָלפן האָט עס נאָך נישט דעם כח זיך גאַנץ אויפצוריכטן און די פליגלען פון געדאַנק פול אויסצובּרייטן. זיין גייסטיקע שפּייז בלייבט אויך ווייטער אָרעם „כהא לחמא עניא". ערשט, ווען דער דרוק פון דער מורא וועט גאַנץ אָפּטרעטן, ווען די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט וועלן צערינען אין דעם איבערקווערטן ים, ווען דער טונקעלער אומרו וועט זיך לייגן אינם שטויב פון דעם ווייסן וועג און ווען די ווינטן פון מדבר וועלן איינשלינגען דעם לעצטן שריי פון פאַרפאָלגונג, בכדי די הייסע זונען־גלות זאָל צעשמעלצן דעם לעצטן רעשט פון יאוש, ערשט דאַן וועט מיט פולער ברוסט אָטעמען די פרייהייט. דאָס פאָלק וועט דערוואַכן און דער גייסט וועט זיך דערהויבן צו יענע הויכקייטן פון וועלכע דער בליק קאָן אַרומנעמען אומענדלעכע קומענדיקע דורות און זיין קול לאָזן הילכן איבער יאָר־טויזנטער.

ס׳וועט פאַר זיך באַשטימען זיינע, אין פרייהייט געבוירענע, לעבנס־פאָרמען און דער מענטשהייט אָנווייזן זיין לערע און נייעם וועג, דעם וועג פון פרייהייט און גערעכטיקייט.

זיין לערע וועט נישט זיין אָפּגעריסן, אַבסטראַקט, הימל־שוועבנדיק. צופיל ביטערע דערפאַרונגען האָט דאָס פאָלק אַדורכגעלעבט. אין דער צייט פון דער אונטעריאָכונג האָבן זיי ביינאַנדער זייערע נאַקעטע נשמות געזען, דערקאָנט דעם מענטש און זיינע שוואַכקייטן. די לערע וועט נישט זיין אַן אָפּזאָג פון לעבן, נאָר אַ שטעלונג, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון לעבנס־דערקענטעניש. אַ רעגולונג פון קעגנזייטיקע באַציונגען אויפן יסוד פון גלייכהייט פון רעכט. אַ גערעכטיקייט נישט פון אַן אומפּערזענלעכע, אַבסאָלוטע מדרגה, נאָר פון אַ קלאָרער אָפּשמעלונג, וועלכע פאָדערט נאָר דאָס, וואָס דער מענטש איז אימשטאַנד צו געבן. גלייכע פאַרפליכטונגען אויף זיך צו נעמען און פון גלייכע רעכט ברידערלעך צו גענישן. דעם נאָענטן אַכטן ווי זיך. אַ לערע פון פרייער, מענטשלעכער פאַרשטענדיקונג, אָפן און צוגענגלעך פאַר אַלעמען. כל דכפין... יעדער וואָס איז הונגעריק זאָל קומען און מיטגעניסן צוגלייך מיט אונדז, אין ווילשטאַנד ווי אין די שווערע צייטן, אין פרייד ווי אין לייד. נישטאָ קיין אייגענע און דרויסיקע. אַלע ווערן ברידערלעך־גלייך באַהאַנדלט.

אַזאַ לערע באַהאַלט איר גילטיקייט יאָרטויזנטער. גלייכהייט איז אַ באַשטאַנד־טייל פון פולער פרייהייט; ביי יחידים ווי ביי פעלקער. און מעגן קומען אַנדערע און פריידיקן דעם אידעאַל פון זעלבסטלאָזיקייט, קאָנען זיי נישט שטאַנדהאַלטן קעגן דעם פּשוטן, ערלעכן געבאָט פון גלייכהייט. אַזוי ווי דאָס אַדורכגעלעבטע, שלעכטע און בייזע איז אונמענטשלעך און ס׳איז ראוי צו ווערן פאַרוואָרפן, אַזוי קאָן מען אויך נישט באַזירן די מענטשלעכע

BPJL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

געזעלשאַפט אויף אידעאַל פון הימלישער ליבע צום צווייטן אונטערן פולן אָפּזאָג פון אייגענעם איך. אין יעדער איבערטרייבונג ליגט שוין דער קערן פון דעמאָראַליזאַציע. אין דער עקסטרעמיטעט פון אַן אידעאָלאָגיע ליגט שוין דער אָנהויב פון דער פאַרקריפלונג. ווען די וועגן און צילן איבערשטייגן, פּראַקטיש גענומען, מענטשלעכע פייקייטן, דאַן מוז דער ציטווייליק־איינגעצוימטער גייסט אין זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג זיך צופּאַסן צום לעבן און ווערן, דורך קאָמפּראָמיסן, דעפאָרמירט, אָדער אַלס רעאַקציע ווירקן אין אַ גאָר פאַרקערטער ריכטונג. דאַן בויט מען אין נאָמען פון מענטשן־ליבע אינקוויזיציעס און מען פאַרוואַנדלט די אידיי פון הימלישער ליבע אין אש פון אויטאָ־דאַ־פע׳ען. שאַפן אידייען פאַרן פּראָזאַישן לעבן און פאַר דעם דורכשניטלעכן פּראָזאַישן מענטש, נאָרמירן מענטשלעכע באַציונגען דורך געזעצן צוגעפּאַסטע צו דער מענטשלעכער פּסיכיק, דאָס איז דער שליסל צו גערעכטיקייט. צווישן דער דערהויבענער איבער מענטשלעכער גוטסקייט, וועלכע ווערט אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן כסדר פאַרלייקנט און צווישן דעם טיפן אָפּגרונט פון בייז, ליגט די ליניע פון אָנשטענדיקייט מיט איר געזונטן און ראַציאָנעלן צוגאַנג. פּשוט, פּראָזאַיש אויסגעדריקט, הייסט עס: כל דצריך... יעדער באַדערפטיקער זאָל קומען און מיטשפייזן. ברידערלעכע אָנשטענדיקייט איז דער פאָרבאַדינג פון גלייכהייט.

מען דאַרף אָבער אין דער ערשטער רייע זיך אָפּקערן פון שלעכטן, פון בייזן. השתא הכא... היינט זיינען מיר נאָך דאָ, אין דערוואַרטונג פון דער פולער פרייהייט, לשנה הבאה... האָפן מיר צו זיין אַלע אין אונדזער לאַנד. דאַרפן מיר זיך אויסהיטן מיטצונעמען די אויפגעצוווּנגענע געוווינהייטן פון לאַנד פון דער קנעכטשאַפט, די מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט, דעם עגאָ־צענטריזם, דעם איבערמעסיק אויסגעוואַקסענעם פאַרלאַנג פון זעען נאָר די ענגע „איך"־אינטערעסן. מיר מוזן אַוועקוואַרפן די שקלאַפן־מענטאַליטעט, וועלכע איז אַ פּראָדוקט פון דער צייט, ווען אונדזער טעגלעך ברויט איז געווען כהא לחמא עניא. השתא עבדי... היינט זיינען מיר נאָר קנעכט. היינט, אין דער צייט פון באַגינענדיקער באַפרייונג, האָבן מיר נאָך נישט אָפּגעטרייסלט פון זיך די רעשטלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער גייסט איז נאָך געפאַנגען אין ריקזיכטלאָזיקייט פון יעדן איינצעלנעם, וואָס גלויבט צו גיין זיין וועג פאַר זיך, אויסצונוצן אַלע מעגלעכקייטן פאַר פּריוואַטע צוועקן און נישט אַכטן דעם צווייטן. ס׳פעלט נאָך דער ברייטער, געזעלשאַפטלעכער בליק, וועלכער דיקטירט אין דער פרייהייט אויך דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט און פון ברידערלעכע באַציונגען. מיר ווינטשן זיך און מוזן דערצו מיט אַלע כוחות שטרעבן, אַז לשנה הבאה בני חורין, אַז אי־בעראַיאָר זאָלן מיר זיין גאַנץ פריי, פיזיש און גייסטיק, ווי אין פרייהייט געבוירענע. דורך די דורכגעמאַכטע ליידן און דעם מיפולן וועג, זאָלן מיר דערגיין צו אמת׳ער באַפרייונג, צו סאָציאַלן יושר, צו בילדן אַ געזעלשאַפט, אויפגעבויט אויף יסודות פון ערלעכער גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

---

אברהם ליפשיץ
(האַנאָווער)

# אָסט־יידן און דייטשישע יידן

איך דערמאָן מיך, ווי מיין פאָטער פלעגט מיר אין די קינדער־יאָרן דערציילן, אַז ער איז אַ „פּוילישער ייד", און איך בין ממילא אויך אַ בן „פּוילישער ייד". איך האָב דעמאָלט קוים פאַרשטאַנען וואָס מיין פאָטער האָט מיט דעם געמיינט. ערשט שפּעטער, ווען איך בין צו מיין שכל געקומען האָב איך באַגריפן, אַז דאָס בין איך עס דער „אָסט־יודע". וואַרשיינלעך שטאַמט עס דערפון, וואָס מיינע אורעלטערן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אָפּריכטן גלות נאָך „אָסטן" און טאַקע צוליב דעם האָב איך עס באַקומען אָט דעם „שענדלעכן נאָמען"...

אין דער צייט פון דעם לעצטן חורבן, וועלכער האָט מיט זיך געבראַכט דעם שרעקלעכן תוהו ובוהו איבער גאַנץ אייראָפּע, האָב איך אָן מיין שטאַם־נאָמען שוין געהאַט כמעט ווי פאַרגעסן. איצט, ווען איך בין צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע לעבן־געבליבענע יידן פאַרוואָגלט געוואָרן אין דעם מיטל־אייראָפּעישן דייטשלאַנד, ווו עס לעבט אויך אַ קליינע צאָל יידן, וועלכע געדענקן זייער עכט־דייטשישן אָפּשטאַם, בין איך ווידער געקרוינט געוואָרן מיט דעם דאָזיקן נאָמען: און עס איז ווערט זיך אָפּצושטעלן און פאַרטראַכטן זיך וועגן אָט דער דערשיינונג.

נאָך אין יאָר 1933, ווען דער נאַציסטישער דאָרן האָט אָנגעהויבן בליען אין גאַנץ דייטשלאַנד און ס׳האָט אָנגעהויבן צו בושעווען די שרעקלעכע מגפה איבערן גאַנצן לאַנד, שרייבט דער אַרויסגעבער פון „אַמעריקאַנער" — לויס גערמאַן אין זיין זשורנאַל: „מען מוז דערביי אין זינען האָבן, אַז די היטלער־קללה האָט געטראָפן אַ טייל פון אונדזערע שטאָלצע יידן. דער שטאָלץ איז טיילווייז געווען אַ באַרעכטיקטער און טיילווייז אַן אומבאַגרינדעטער. אָבער דער שטאָלץ איז געווען! די דייטשישע יידן האָבן זיך באַטראַכט פאַר די קולטורעלסטע און זיינען געווען געוווינט צו העלפן אַנדערע אי מיט זייער קולטור אי מיט זייער פאַרמעגן".

און אונטערן זעלביקן קעפּל „אמתע דייטשישע יידן און אָסט־יידן" שרייבט דער זעלבער ווייטער:

„עס איז פּיינלעך אָנצווייזן אויף דעם פאַקט. מען מוז עס אָבער טאָן. עס ווילט זיך איצט נישט דערמאָנען די טאַט־זאַך, אַז די ערשטע שטאָלצע דייטשישע יידן האָבן שטענדיק געמאַכט אַ טיפע מחיצה צווישן זיך, די אַריסטאָקראַטן, און די „פּאָלנישע יידן". זייער זינד איז אָבער שוין איצט מער ווי אויסגעקויפט דערמיט, וואָס זיי זיינען

JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

אַמאָל געווען די צדקה־געבער און די פּאָליטישע באַשיצער פון די „אָסט־יודן" און איצט ווערן זיי געשטיצט, געשיצט און פּאַרטיידיקט אין אַ גרויסער מאָס פון די „אָסט־יודן", וועלכע שפּילן היינט די אָנפירנדיקע ראָלע נישט נאָר אין אַמעריקע נאָר אויך טיילווייז אין אַנדערע לענדער... עס איז אָבער שמערצלעך, וואָס אין דער אַלגעמיינער צרה מאַכן אונדזערע פריינט צווישן די אומות־העולם אַן אונטערשייד צווישן די צווייערליי מינים יידיש־דייטשישע פליכטלינגען". („אַמעריקאַנער", פרייטיק דעם 11טן אויגוסט 1933 זייט 3 און 4). די א. ד. אויסצוגן ווייזן אונדז אָן אויף דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט געהערשט צווישן דעם „עכט־דייטשישן" און „פּאָלנישן" ייד.

מיר האָבן אָבער געמיינט, אַז נאָכדעם, ווי די געלע לאַטע, געטאָס און מזבחות האָבן געפּייניקט, געמאַטערט און געברענט אַלע יידן אָן אונטערשייד פונוואַנען זיי האָבן געשטאַמט, ווען דער פּאַרטיליקונגס־פּלאַן קעגן די 600.000 צום טויט געפּייניקטע דייטשישע יידן איז אַדורכגעפירט געוואָרן צוגלייך מיט זייערע ברידער פון מערב, אַז נאָכדעם וועט די דערמאָנטע „מחיצה" בטול ווערן, אַז זי וועט זיך לגמרי צעפאַלן און אַז אין דעם „יתר־הפליטה" וועלן זיך כולל זיין אַלע איבערגעבליבענע יידן צוזאַמען אָן אונטערשייד פונוואַנען זיי קומען.

ליידער איז עס אָבער גאַנץ אַנדערש.

ווען די „שארית הפליטה", וועלכע בילדעט אַ מאַיאָריטעט דווקא פון יענע „אָסט־יידן", האָט באַלד נאָך איר דערלייזונג אָנגעהויבן אין זיך דערשטיקן דעם שמערץ פון איר אומהיילבאַרער ווונד און איז מיט כח אַריינגעדרונגען אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, לאָזנדיק וואָרצלען פאַר דער ווייטערדיקער, כאָטש צייטווייליקער לעבנס־עקזיסטענץ דאָ אין דייטשלאַנד, דורך אָרגאַניזירן זיך געזעלשאַפטלעך, שאַפן קאָמיטעטן צו פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן, האָבן זיך די עכט־דייטשישע יידן באַלד אָפּגעזונדערט פון דעם ציבור. עפּעס האָט זיי נישט גע־פּאַסט זיך איינצוגלידערן אין דעם שארית־החורבן אין וועלכן זיי בילדן אַ מינאָריטעט. זיי האָבן דעריבער אויפגעשטעלט פונדאַסניי די אַמאָליקע מחיצה אין דער יידישער מחנה.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרן יידיש־דייטשישע געמיינדן צו וועלכע עס האָבן רעכט געהערן מיטגלידער אַמאָליקע דייטשישע תושבים, די „עכטע" און „שטאָלצע", „מיטל־אייראָפּעישע" יידן, מיטן אויסרייד, אַז עס זיינען פאַראַן ספּעציפישע אינטערעסן, וועלכע באַרירן נאָר זיי אַליין...

אָט איז למשל ברוינשווייג, אַ שטאָט, ווו עס לעבן היינט צו טאָג ביז אַ 600 יידן. אין דער שטאָט איז פאַראַן אַן עקסטראַ יידיש־דייטשישע געמיינדע, וועלכע ציילט גאַנצע 30 מיטגלידער. די מייסטע פון זיי אַרישע פרויען אָדער פאַרקערט און קינדער, וועלכע זיינען עוואַנגעליש. אין דער שפּיץ פון דער דייטשיש־יידישער געמיינדע שטייען 2 יידן, צוריקגעקומענע פון טערעזיענשטאָט.

עס טרעפן זיך אויך פאַלן, ווען די אַזוי גערופענע „מישלינגען" טרעטן אַרויס פון דער קירכע, אָלץ צוליבן „פּעקל".... (זע „אונדזער שטימע" נר. 16, ד"ר שאַפּיראָ)

אין האַנאָווער, אַ שטאָט פון בערך אַ 15 הונדערט יידן, ציילט די יידיש־דייטשישע געמיינדע איבער 200 מיטגלידער, אַריינגערעכנענדיק שוין אויך די גרעסטע צאָל מיטגלידער, וועלכע די נאַציס האָבן באַוויזן צו מאַכן פאַר יידן... דאָרטן דערקלערן די פון זיך אַליין "נאָמינירטע פאָרשטאַנדס־מיטגלידער" פאַטעטיש און פייערלעך: אַז זייער הילפס־טעטיקייט איז געווענדעט נאָר פאַר די „מיטל־אייראָפּעישע יידן" אַליין...

וואָלטן זיך די אַמאָליקע שטאָלצע און עכט דייטשישע יידן אַ פאַרטראַכט געטאָן איבערן איצטיקן גורל פון יידישן פאָלק, וואָלטן זיך די יעניקע, וועלכע זיינען געווען פאַרבלענדעט אין דער עמאַנציפּאַציע און וועלכע זיי האָבן געגלויבט צו זען די דערלייזונג פון זייערע ליידן און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג; די יעניקע, וועלכע ווערן איצט אין אַ נאָך גרעסערער מאָס געשיצט און אונטערשטיצט און פאַרטיידיקט פון די „אָסט־יידן", וועלכע שפּילן איצט אַ נאָך גרעסערע ראָלע אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער; וואָלטן זיי זיך אָפּגעגעבן אַ געהעריקן דין וחשבון איבער דער ערנצטקייט פון דער לאַגע אין דער איצטיקער צייט, וואָלטן זיי אויך פאַרשטאַנען, אַז אין אַ צייט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם און שאָוויניזם בושעווען ווייטער אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער, צילנדיק אין האַרץ פון יידנטום, מוז מען באַפעסטיקן און קאָאָרדינירן דעם יידישן פראָנט דורך אַלע יידן אָן אונטערשייד פונוואַנען זיי קומען, פון מזרח צי פון מערב. זיי וואָלטן דאַן געמוזט מותר זיין אויף זייער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס קאָן דערפירן צו אַ צעשפּליטערונג פון דער שארית־הפּליטה אין דייטשלאַנד. דעמאָלט וואָלטן מיר געהאָט די געלעגנהייט פטור צו ווערן פון אַזעלכע „האַלב־יידן", „פּערטל־יידן" אָדער „פּעקל־יידן"... וועלכע האָבן צו אונדז קיינמאָל נישט געהאָט די מינדסטע אָנגעהעריקייט און האָבן מיט אונדז נישט געהאָט דעם קלענסטן משא ומתן...

## אָנגעקומען אין רעדאַקציע:

צום לאַכן שטילערהייט, שיורעלעוו, ערשטער „באַנד", פּאַריז 1947 — אַ בינטל הומאָריסטישע בילדלעך פון באַקאַנטן מיטאַרבעטער פון פּאַריזער „אונדזער וואָרט".

לשון און לעבן, חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור — רעדאַגירט פון א. נ. שטענצל, נר. 3 (העפט 86), מערץ 1947 לאָנדן, אַכטער יאָרגאַנג.

JPL JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES • SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES • FONDS SPÉCIAUX

# בעלזן געזעגנט די ערשטע לעגאַלע עולים

## כמו אַ רעפּאָרטאַזש פון טשאַרנעם

נאָך אין באַזל אויפן 22טן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן מיר זיך דערוווּסט פון אַ זיכערער „קוועלע", אַז די ענגלישע רעגירונג האָט נאָך לאַנגע טראַכטענישן באַשלאָסן צוצוטיילן אַ היבשע צאָל סערטיפיקאַטן פאַר „אירע" ייִדן אין דייטשלאַנד.

מיט דער ידיעה האָבן מיר זיך אומגעקערט נאָך בעלזן.

די גליקלעכע בשורה איז זיך צעלאָפן איבערן לאַגער מיט דער געשווינדיקייט פון אַ בליץ און אויפגעמונטערט די פאַרשלאָפענע האָפענונגען, אַריינברענגענדיק פרייד און אומבאַשרייבלעכן התפעלות.

פון אַ קליין צימערל אין אַ באַקאַנטן בלאָק אין לאַגער האָט זיך געטראָגן ליכט פון אַ נר־תמיד פון אינטענסיווער אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאָרט האָט די ועדת־עליה אַקטיוו געווירקט און שוין פון פאָרויס באַשטימט די קאַנדידאַטן אויף עליה קיין א"י.

קורט לעווין, דער לייטער פון דער ייִדישער אַגענץ אין דער בריטישער זאָנע, האָט מיט מער התמדה ווי אַלעמאָל געטריבן זיין „דזשיפּ" און דער, אַ פאַרסאָפּעטער און פאַריאַכמעטער, האָט זיך ווי דערהויבן צו דער היסטאָרישער שעה און געשפּרייזט איבעט די שאָסייען צווישן בערלין און פּאַריז. קיינמאָל האָט מען אים נישט געזען, אָט דעם פילאָזאָפירנדיקן א"י'דיקן אַרבעטער־טיפּ און נאָר אינמיטן נאַכט פלעגט ער זיך יאַווען אַ שטראַלנדיקער פון אַ געלונגענער אינטערווענץ ביי די מיליטער־באַהערדן.

„אויב ס'וועט אַזוי גיין וועט בעלזן ליקווידירט ווערן אין אַ האַלב יאָר אַרום" — האָט זיגעריש דערקלערט חומסקי, דער גראָד־ליניקער, זאַכלעכער אַגענץ־שליח, וועלכער האָט נישט גערן צו וואַרפן ווערטער אויפן ווינט.

גרויסע שלאַנגען־שורות מענטשן זיינען אָפּגעשטאַנען ביי די טירן פון פּאַלעסטינע־אַמט און יעדער איינער פון די אינטערעסאַנטן האָט מיט געדולד געוואַרט אויף דער רייע דערליידיקט צו ווערן. די אינטערעסאַנטן האָבן מיט אַזאַ ברען זיך געשטופּט אין ביוראָ אַריין, אַז אויפן וועג האָבן זיי דערוויַיל פאַרלוירן אָט וואָסערע זאַצן:

„לאָזט מיך דורך. איך געהער דאָך צו דער ערשטער קאַטעגאָריע. איך פאָר צו אַ זון, צו מיין יחיאל'ן, וועלכער גייט אויס פון וואַרטן אויף מיר".

„קוקט איר נאָר אָן, די פריצטע אונדזערע — האָט אַן אַנדערער געטענה'ט — און מיין זון איז וואָס? האַ? ער וואַרט דען נישט"?

„אָבער דרייט נישט קיין קאָפּ; אויף מיר וואַרט דער נגב"... „און אויף מיר וואַרטן אַנדערע"... — האָט אַ ברייט־פּלייציקער יונגערמאַן פאַרשריגן זיי אַלעמען.

און אינווייניק האָט מען געשריבן, געקלעפּט פּאַס־בילדער צו אַקטן, די שרייב־מאַשינקעס האָבן געקלאַפּט, די באַאַמטע האָבן זיך מיט רחמים געבעטן צו פאַרהאַלטן זיך רויקער. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן.

וואָס מיר רויק, ווען מיר רויק — מען וועט נישט זיין רויק. מען פאָרט קיין א"י און ס'מוז זיין לעבעדיק און לוסטיק. אַז ייִדן פאָרן קיין א"י טאָר פּשוט נישט זיין רויק. און די פאַרהאָרעוועטע באַאַמטע האָבן געמוזט אין דעם דאָזיקן גערודער ווייטער פירן זייער אַרבעט.

עפּעס אַ קלייניקייט — צוויי יאָר געוואַרט אויף דעם מאָמענט. צוויי יאָר געוואַרט — און ס'איז דאָך מקוים געוואָרן.

די פּאַרטייען האָבן זיך באַראַטן. צענדליקער פּראָבלעמען זיינען אָנגעלאָפן מיט איינמאָל. מען האָט גענומען צו הילף די מאַטעמאַטיק, שיעור נישט די לאָגאַריטמען. פּראָצענטן... פּראָצענטן... פּראָצענטן...

דעם 10 פּראָצענט; דעם 25; דעם אַנדערן 11 און יענעם גאָר 16.

וואָס וועט זיין? — מען באַוועלט דאָך אונדז. מען מוז שרייבן קיין לאָנדן, קיין פּאַריז, קיין ירושלים. זאָלן זיי דאָרט אינטערווענירן! פאַר וועמען? — פאַר אונדזער פּאַרטיי. פאַר אונדזער פּאַרטיי... פאַר אונדזער פּאַרטיי...

מען ברוגזט זיך. מען שטרייט זיך. מען קומט אַדורך. מען איז שוין ענדלעך אייניק. דאַנקען גאָט. מען איז גאָר שוין צופרידן.

נו, און איצט אַ נייע אַרבעט.

באַנקעטן. געזעגנונגס־אָוונטן.

ווו?

ביי די לערער. ביי די שילער. אין „השומר־הצעיר", ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן און אַזוי ווייטער. און ווו דען נישט? ס'איז שווער צו פאַרגעדענקען און אויסצורעכענען. ס'וויקלען זיך פונאַנדער שבחים, ברכות אויפן וועג, צוקונפטס־פּערספּעקטיוון, אָנזאָגן.

מען פיבערט, מען שטראַלט פון באַגייסטערונג.

שבת אָוונט, דעם 8טן מערץ ד. י., קומט פאָר אין קינאָ אַ קאָלעקטיווע געזעגנונג פאַר די ערשטע 400 עולים, איינגעאָרדנט דורך דער ייִדישער אַגענץ און צענטראַל־קאָמיטעט.

עס ריידן ד"ר קורט לעווין, יוסף ראָזנזאַפט און פאָרשטייער פון אַלע פּאַרטייען. ס'הערשט אַ געהויבענע, ערנצטע שטימונג. מען זעט פאָר דעם אָנהויב פון פאַרלאָזן דייטשלאַנד. זייט שטאַרק אין אייער מיסיע אין א"י. באַווייזט, אַז די שארית־הפליטה איז אַ כוח. זאָל דער ישוב האָבן פון אייך נחת. בויט און קעמפט, בויט און שאַפט. מיר קומען נאָך. וואַרט אונדז אָפּ ביים ים־ברעג. מיר קומען זיכער נאָך. מיר וועלן זיך איינגלידערן אין דער בויענדיקער טורבינע פונעם פולסירנדיקן ישוב.

דאַן האָט דער פאַרזאַמלטער עולם זיך געקוויקט מיטן קינסטלערישן טייל.

כאָר, רעציטאַציעס, סאָלאָ־לידער און סקעטשן. „התקוה" און שלום.

אינצווישן איז איינגעאָרדנט געוואָרן דער טראַנזיט־לאַגער אין בוכאָלט, ווו די עולים וועלן פאַרברענגען איניקע טעג פאַר זייער אָפּפאָר צו דער שיף. בכדי דער לאַגער זאָל פּייק זיין אויפצונעמען די מענטשן האָט זיך

BPJ JPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

געפאָדערט אַ רעמאָנט פון די באַראַקן. עס זיינען דאָרט אַוועק פאָרשטייער פון דער אַגענץ, „רעליף", וועלכע האָבן צוגעזועען, אַז די אַרבעט זאָל וואָס שנעלער געבּרענגט ווערן צו אַן ענדע.

מיטוואָך דעם 12טן מערץ, 6 אַזייגער אָוונט איז פון בעלזן אָפּגעפאָרן די ערשטע פּאַרטיע 200 עולים און מאָנטיק דעם 17טן מערץ ד. י. האָט מען געזעגנט די צווייטע גרופּע אויך פון 200 עולים.

ביי דער ראַמפּע, ווו דער צוג האָט געוואַרט אויף די עולים, האָבן זיך פאַרזאַמלט פיל מענטשן־באַגלייטער.

אין זכרון פון די אַוועקפאָרנדיקע און באַגלייטער איז ווי אַ בלוטיקע סטאַטוע געשטאַנען דאָס בילד פון פאַר צוויי יאָר צוריק, ווען די היטלעריסטישע טויטן־צוגן האָבן געבּרענגט צו דער זעלביקער ראַמפּע טויזנטער און צענגע טויזנטער שקלאַוון פון בוכנוואַלד, דאָראַ און עלריך. דאָ איז דעמאָלט דערשאָסן געוואָרן איינער, דאָרט צוועלף און אין יענעם ווינקעלע האָט אַן אַנדערער פון שוואַכקייט און הונגער אויסגעהויכט זיין נשמה.

און היינט...

היינט פאָרן יידן פון דער זעלביקער ראַמפּע נאָך א"י. אויף דער ראַמפּע האָט יעדער אַוועקפאָרנדיקער קאַצעטניק באַזיגט דעם היטלעריזם. און די קאָנדוקטאָרן האָבן איצט געמוזט זיין העפלעך און דעליקאַט צו זייערע פּאַסאַזשירן. נישט ווי אין יענע טעג, ווען אויך זיי האָבן „צוגעלייגט אַ האַנט" צו די שוואַכע גופים.

ביים צוג האָבן זיך טיכטיק געפּאָרעט די חח' פון דער אַגענץ, „דזשאָינט", „רעליף", „אונררא" און צ. ק., וועלכע האָבן באַזאָרגט די עולים מיט „קלייניקייטן", פאַרגעסענע אין דער לעצטער מינוט. יעדער עולה האָט באַקומען זיין כרטים־עליה און אַ מתנה־פּאַקעטל מיט גוטע זאַכן און ציגאַרעטן און פון דער „אונררא" אַ טעלערל זופּ און אַ שטיקל ברויט... וואָס האָט דערמאָנט יענע גוטע צייטן... מסתמא סטאַיעט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע נישט אויף מער ביים שלום פון איר קאַדענץ.

נו, מען מוז שוין אַריין אין צוג. ס'איז שוין גלייך 6 אָוונט.

די לעצטע קושן, די לעצטע האַנט־דרוקן. טרערן, שטראַלנדיקע פּנים'ער, הוראַ.

אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין איין פּלאַסטיש, נישט פאַרגעסן בילד: יידן פון בעלזן פאָרן קיין א"י; יידן פון בעלזן פאַרלאָזן דעם לאַגער. יידן פון בעלזן ווען באַווייזן דער וועלט, אַז זיי זיינען ראוי צו אַ נאָרמאַל, פּראָדוקטיוו און זעלבסטשטענדיק לעבן; אָבער נאָך טויזנטער יידן פון בעלזן און אַנדערע מקומות וואַרטן אויפן גליקלעכן מאָמענט אַוועקגעפירט צו ווערן נאָך ארץ־ישראל.

יצחק עפּשטיין

# „200.000"
## „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום־עליכם

באַאַרבעט און רעזשיסירט דורך
זאַמי פעדער

### אויסגעפירט דורך דער יידישער דראַמאַטישער סטודיע „קאַצעט־טעאַטער"
ביים צ. ק. פון די באַפרייטע יידן אין דער בריטישער זאָנע. בערגן־בעלזן.

1.

נאָך דער לעצטער מלחמה, נאָכן גרויסן יידישן חורבן האָבן זיך די ביים לעבן־געבליבענע יידן אַרומגעזעען אין דער וויסטער פּוסטקייט, וואָס איז צווישן זיי פאַרבליבן און דאָס האָט זיי אינסטינקטיוו געשטויסן צו אַ לעבהאַפטיקער קולטורעלער טעטיקייט. עס יאַווען זיך, מיט פאַרוווּנדערונג דורך אַלעמען אויפגענומען, שולן, ביבליאָטעקן, צייטונגען און טעאַטערן. ס'שפּראָצן קולטורעלע אונטערנעמונגען מיט אַן אומנאַטירלעכער געשווינדיקייט. דער הונגער אָבער נאָך אַ ריין און פון אַלע שטאַנדפּונקטן געשמאַק יידיש טעאַטער איז עד־היום נישט געוואָרן געזעטיקט צוליב פאָלגנדיקע סיבות.

ס'האָבן זיך געשאַפן פאַרשיידענע טעאַטער־אונטערנעמונגען און זאָגאַר דראַם־קרייזן פון וועלכע דער גרעסטער טייל האָט פאַרשעמט דאָס יידישע וואָרט, די יידישע ליטעראַטור און דאָס יידישע טעאַטער, אַריינעמענדיק אין די „רעפּערטואַרן" דעם ביליקסטן און לעצטן שונד־באַגאַזש. ס'זיינען אויסגעוואַקסן אָן אַ צאָל „רעזשיסאָרן", וועלכע קלעפּן זיך בכח צו דעם דאָזיקן טיטל טראָץ דעם, וואָס זייערע באַאַרבעטע „שטיק" זיינען טאַקע שטיק, אָבער פון אַן אַנדערן מין; טאַלאַנטלאָזע מיטשפּילער, וועלכע לאָזן זיך נישט לערנען צוליב דער גרויסער גאווה ביי זיי פון אַ פאַרביילויפנדיקן דערפאָלג, וואָס עס האָט זיי געבּרענגט עפּעס אַ קופּלעטל אָדער אַ פאַרזשאַווערטע שפּילקע אויפן אַדרעס פון אַ קאָמיטעט, רופן זיך אַקטיאָרן — און דאָס צוזאַמען, דער גאַנצער אַרום פון אָט דער סביבה רופט זיך און אַנאָנסירט זיך מיט קדוש־לבנה אותיות „יידיש טעאַטער".

און גרעסער איז דער טרויער נאָך אָט דעם לעבעדיקן מת פון אונדזער שארית־הפליטה'דיקן יידישן טעאַטער, ווען מיר זעען ווי אונדזער פּרעסע איז שטום אין דער פראַגע און באַמיט זיך בכלל נישט צו רעגולירן אָט דעם אָנגעווייטיקטן ענין מיט רעצענזיעס וועגן די אַזוי גערופענע „פאָרשטעלונגען" און מיט וואָרענונגען אויפן אַדרעס פון זייערע באַשעפער.

אַזעלכע רעפלעקסן פאַרשווינדן אָבער, ווען מיר זיצן אויף די פאָרשטעלונגען פון דער דראַמאַטישער סטודיע „קאַצעט־טעאַטער". די דערמאָנטע סטודיע איז געשאַפן

DPJ JPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

געוואָרן דורך זאַמי פעדער אַ חודש נאָך דער באַפרייונג פון בערגן־בעלזן און געהערט צו דער קאַטעגאָריע יידישע טעאַטערן אָדער דראַם־סטודיעס, וואָס קעמפן אומברחמנות׳דיק קעגן שונד אויף דער יידישער בינע און פאַר זויבערע און ליטעראַרישע אויפירונגען. דאָס „קאַצעט־טעאַטער” האָט שוין באַוויזן במשך דער צוויי יעריקער עקזיסטענץ צו געבן אַ רייע געלונגענע פאָרשטעלונגען פון וועלכע „דאָס פאַרכישופטע שניידערל” לויט שלום־עליכם האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן דערפאָלג.

היינט איז ווידער אַמאָל געקומען ביי דער סטודיע די רייע אויף שלום־עליכמ׳ס אַ זאַך.

„200.000”, אָדער ווי מען רופט עס נאָך „דאָס גרויסע געווינס”, 4 אַקטן, 5 בילדער, קינסטלערישע לייטונג: זאַמי פעדער, כאָרעאָגראַפיע: דאָלי קאָץ, דעקאָראַציעס: בערל פרידלער און יעקב גאָרפינקל, ליכט־עפעקטן: בעריש פיענקני און ביים קלאַוויר: עליזאַבעט לאַנטאָש. „דאָס גרויסע געווינס” איז געשפילט געוואָרן כמעט אויף דער גאַנצער וועלט, ווו נאָר עס קלאַפט אַ יידיש האַרץ.

אויף דער צווייטער זייט פון פראָגראַם לייענען מיר אָט וואָס:

„די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז געווידמעט די היטלער־קרבנות, אומגעקומענע מיטגלידער פון דער יידישער דראַמאַטישער געזעלשאַפט „מוזע” אין בענדין.

### אומגעקומען:

מענדל קאַנער אין טערעזיענשטאַט, לייביש קאַנער אין קאָרווין, הירש מאָנשיין אין אוישוויץ, משה מעלניק אין בערגן־בעלזן, וואָלף שיינבערג אין בענדינער געטאָ, מאיר כאָלעוואַ אין אוישוויץ, לייבל קאַמיער אין בענדינער געטאָ, יוסף וויגאָדסקי אין אוישוויץ, האַנס דאַנציגער אין אוישוויץ, יחזקאל ראָטנבערג אין אוישוויץ, יצחק אַבראַמטשיק אין בוכנוואַלד, משה נוסבוים אין אוישוויץ, יעקב בזשעסקי אין אוישוויץ, יעקב ווינער אין אוישוויץ, יחיאל וואָלבראָם אין אוישוויץ, וואָלף רעכניץ אין אוישוויץ, יצחק בלום אין אוישוויץ, מאַקס וויינשטאָק אין אוישוויץ, הערש וועקסעלמאַן אין אוישוויץ, טוביה בוים אין אוישוויץ, משה דימאַנט אין אוישוויץ, זאַלעק וויינבערג אין בענדינער געטאָ, העניאָך אָרנער אומבאַקאַנטע לאַגערן, פנחס גליקשטיין אומבאַקאַנטע לאַגערן, יוסף וועלנער אומבאַקאַנטע לאַגערן, צעשאַ גליקשטיין אומבאַקאַנטע לאַגערן, רוזשע מאָשקאָוויץ אומבאַקאַנטע לאַגערן, מאַשאַ מאַרמור אומבאַקאַנטע לאַגערן, צעשאַ מאָנשיין אין אוישוויץ, און נאָך פיל אַנדערע מיטגלידער, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער פאָרשטעלונג „200.000” אין בענדין, 1939, אונטער דער רעזשי פון זאַמי פעדער”.

---

זאַמי פעדער אַלס געוועזענער קינסטלערישער לייטער פון דער יידישער דראַמאַטישער געזעלשאַפט „מוזע” אין בענדין האָט צוזאַמען מיט בערל פרידלער, בעריש פיענקני (אויך חברים פון דער „מוזע”) און דעם גאַנצן אַנסאַמבל־קאַצעטניקעס געווידמעט די דאָזיקע פאָרשטעלונג דעם ערנהאַפטן אָנדענק פון די בענדינער אַקטיאָרן־קדושים און אַזוי אַרום פאַרבונדן דאָס חרוב געוואָרענע מיט דעם נייעם שאַפנדיקן טעאַטער־קאָלעקטיוו.

2.

עס איז איבעריק אויף דעם אָרט איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון שלום־עליכמ׳ס „200.000”. די דאָזיקע פיעסע האָט זיך אַזוי ווייט איינגעבירגערט אינעם יידישן טעאַטער, אַז ס׳איז נישט פאַראַן כמעט קיין איין יידישער טעאַטער־באַזוכער, וועמען זי זאָל נישט זיין באַקאַנט. דעריבער וועלן מיר טאַקע גלייך איבערגיין צו דער רעזשי פון זאַמי פעדער און צו דער אויספירונג, דאָסמאָל דורכן „קאַצעט־טעאַטער” פון בעלזן.

רעזשי און אויפפאַסונג פון אַ ווערק קאָנען זיין פאַרשיידענע. פעדער האָט דעם סאָציאַלן מאָמענט אין דער דאָזיקער פיעסע בולטער אַרויסגעשיילט און אויף דער ליניע איז ער די גאַנצע צייט געגאַנגען און טאַקע געשאַפן אַ וווּנדערבאַר ספעקטאַקל, פיין זויבערע רעזשי און אַ גוטע צוזאַמענאַרבעט פון די אַרטיסטן. מען זעט אַ סך אויפמערקזאַמקייט פאַר דער שפראַך, שיין געשניצטע מאַסן־סצענעס און פיל פלאַסטיק אין דער גאַנצער פאָרשטעלונג. דער חלום פון שימעלען ווירקט אויפן צושויער; פאַרכאַפנד איז דאָס אַרויסגנב׳ענען ביילקען; אָנגענעם איז דער באַל ביי אשר פיין; נאָך שענער איז די פאַנטאָמימישע חופה אין פערטן אַקט און צום שלוס זאָל דערמאָנט ווערן דער איינפאַל, און דאָס זייער אַ געלונגענער, מיט די לייכטנדיקע, שימערנדיקע כישוף־שריפט „אויפן בוים וואַקסן גאָלדענע רענדלעך”.

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז מען זיצט אין בעלזן, אין אַ צעלט־טעאַטער, ווו דער פראָסט מיט אַ ווינט יאָגן אַרום צווישן די געלעכערטע ווענט, ווייט פון די באַקוועמלעכקייטן און הילף, וואָס אַ יידיש טעאַטער געניסט אין מאָסקווע, ניו־יאָרק, לאָנדן צי תל־אביב וואַקסט דער דרך־ארץ פאַרן רעזשיסער, פאַר יעדן אַקטיאָר און זאָגאַר פאַר יעדער דעקאָראַציע און קאָסטיום. און ס׳איז איבערהויפט קיין וווּנדער נישט וואָס אויף דער פרעמיערע האָבן מיר באַמערקט די הויכע ענגלישע אָפיצירן, „אונררא”־טוער און די פאַרטרעטער פון די יידיש־אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געקוואָלן פון דער אויפירונג, אַנטציקט זיך מיט די באמת פרעכטיקע דעקאָראַציעס, מיט די שטימונגספולע ליכט־עפעקטן און מיט דער האַרציקער מוזיק, אויסגעפירט דורך אַן אייגענעם, פיר־פערזאָניקן אָרקעסטער... (עליזאַבעט לאַנטאָש, בעניעק גיטלער, פערענס ציקלוי און בערל פרידלער).

אַ טעאַטער־סטודיע איז אַ טעאַטער־שולע און מען באַמערקט דאָס אין יעדן בילד פון דער פאָרשטעלונג. עס עקזיסטירן נישט קיין סטאַרן און די אַרבעט איז אויסגעבויט אויף קאָלעקטיווע יסודות. אַ רעזשיסער פון אַזאַ סטודיע מוז אויך זיין פעדאַגאָג, וועלכער פיינערט אויס, שלייפט, מאַכט צאַרטער די מימיק אָדער באַוועגונג און שאַפט אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט צווישן די באַוועגונגען פונעם אַקטיאָר און זיין האַרץ, מוח, געפיל און פאַרשטאַנד. אין „200.000” ביי די בעלזענער קאַצעט־אַקטיאָרן זעט מען, אַז דער רעזשיסער האָט געשטרעבט צו דערפילן אָט די שווערע אָבער גליקלעכע מיסיע.

3.

טראָץ דער דערמאָנטער קאָלעקטיוויקייט ביי דער סטודיע ווילן מיר דערמאָנען איניקע סטודיאַנטן, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט. און דאָס זיינען;

BPJPL JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

זייער גוט איז געווען עטי־מעני — אילזע קופּפער־מינץ. זי האָט דעם טיפּ פון אַן אויפגעקומענער גביר׳טע עטי־מעני־ערנעסטינע יעפּימאָווגע אַזוי אַרויסגעבראַכט, אַז נישט איין רעזשיסער וואָלט זיך דאָס געוווּנטשן צו זעען ביי פּולקאָמע אַקטריסעס. די קליינע שפּראַכלעכע פעלערן קומען דערפון, וואָס זי איז געבוירן אין דייטשלאַנד און מיר האָפן, אַז מיט דער צייט וועלן זיי ביי אילזע קופּ־פערמינץ גענצלעך פאַרשווינדן.

שימעלע סאַראָקער — ישראל פרידמאַן איז געווען אמת שלום־עליכם׳דיק. ס׳האָט אים געפעלט אפילו אַביסל טעמפּאָ אין די דיאַלאָגן און באַוועגונגען, אָבער אין אַל־געמיין האָט ער אַרויסגעוויזן באַגאַבונג.

ביילקע — סאָניאַ באָטשקאָווסקאַ האָט געגלעט ווי תמיד דאָס פּובליקום מיט איר שיינער און זויבערער שפּראַך און נאָך מער מיט הארציקן און פאָלקסטימלעכן זינגען. מען האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו איר געזאַנג, אַז ווען מען דערזעט זי אויף דער בינע וואַרט מען שוין מיט אומגע־דולד אויף אַן אַנגענעם ליד. ביי דער שארית־הפליטה האָבן מיר ווייניק אַזעלכע טעאַטער־קינדער ווי ס׳איז סאָניאַ באָטשקאָווסקאָ.

סאָלאָווייטשיק — בערל פרידלער שפּילט אַ מאָדער־נעם שדכן מיט פיינע, סטיליזירטע באַוועגונגען, גוטער מימיק, וועלכע ער מוז אָבער אָפּהיטן, בכדי זי זאָל זיך נישט פאַרביימן אין שאַבלאָן. בכלל איז פרידלער אוני־ווערסאַל — ער מאָלט, שפּילט אויף עטלעכע אינסטרו־מענטן, שרייבט אויך... און קאָן די בינע.

מאָטל — רודי פּרוכטער איז געווען אַביסל אַפעק־טירט. ער האָט אָפט נישט געווירקט איבערציייגנדיק. מיט זיין שיינער און קלינגנדיקער שטימע האָט ער טיילמאָל אָפּערירט נישט זיכער. ס׳איז אָבער ביי אים דער אָנהויב פון דער טעאַטער־קאַריערע און דאָס איז גאַנוג.

קאָפּל — שלמה בלום האָט געשפּילט האַרציק אָבער פּרימיטיוו. אין פערטן אַקט ביים ציען די קניפּלעך דאַרף זיין מער געפיל, מער דורכלעבן דאָס פאַרלירן ביילקען.

אין אַלגעמיין האָט ער דעם טיפּ געגעבן.

קאָלטאָן — שלמה גוטמאַן. גוטמאַן איז אַ פייקער סטודיאַנט און אַ וווּנדערבאַרער שוישפּילער־טיפּ, וועלכער שאַרזשירט אָבער אָפט. איבערטרייבן — דאָס פירט אַראָפּ פון וועג. אין טעאַטער וויל דער צושויער פאַרשטיין, וואָס מען רעדט אויף דער בינע. קאָלטאָן יאָנקעט זיך טאַקע, אָבער מען מוז פאַרשטיין זיינע ווערטער, ווייל אין קעגנפאַל פאַרלירט דער צושויער דעם פאָדעם פון דער האַנדלונג און עס ווערט אים לאַנגווייליק.

מיר ווילן אויך באַמערקן דאָללי קאָץ (אונדזערס אַן אַלטע באַקאַנטע פון די פריערדיקע פאָרשטעלונגען מיט אירע פאַנטאָמימישע טענץ). די טאַנץ־סצענעס אונטער איר לייטונג און מיט איר מיטווירקונג פאַרמאָגן אין זיך פיל פּלאַסטיק און עלאַסטיק.

אין אַנדערע ראָלן זיינען אויך גוט געווען סאַלאַמאָן פיין — העניעק וואַקס (אויסגעצייכנט); וויגדאָרטשיק — יעקב ציוווש, ווירקט אַביסל מעכאַניש, מוז זיך בעסער אַריינ־לעבן אין דער ראָלע; רובינטשיק — טאָניע רעזניק, דאָס ווונדער־קינד פון דער סטודיע, וועלכע האָט אָבער היינט נישט שטענדיק געווירקט עכט. פיין זיינען געווען: פערל די מיטנימשקע — עדזיאַ פיענקני, דער קצב — יעקב ציוווש, דער באַקאַליימשיק — יוסף שוואַרץ און ספּעציעל הימעל־פאַרב — בעריש פיענקני. ווייטער קומען יצחק זילבערניק, מענדל בוטניק, מאַלע פרידמאַן, פנחס שטייער, פעלאַ ראָטשטיין, חיה פרידמאַן, צילי באַנק, פעסי אייזיקאָוויטש, אליעזר וואָלקאָוויטש, יהודה רעזניק און שלום ראַפּאַ־לאָוויטש, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די מאַסן־בילדער און צוגעהאָלפן צו דערהייבן די פאָרשטעלונג צום קינסטלערישן ניוואָ.

*

ס׳איז צו האָפן, אַז דאָס „קאַצעט־טעאַטער“ וועט פאָרטזעצן דעם ריכטיקן וועג צו דעם יידישן טעאַטער און אַריינברענגען „ליכט צו דער פאַרוואָרלאָזטער יוגנט פון קאַצעט“ ווי ס׳איז אויפגעשריבן אויף זייער פאָן.

## אויפאָדערונג

די ח׳ח אברהם בעססער פון באַד־זאַקסען און אבא פערוואַסקין פון קאַסעל (איצט איז זייער וווינאָרט אומבאַקאַנט) ווערן אויפגעפאָדערט זיך צו מעלדן ביי מיר ביז 14 טעג פון טאָג פון פאַרעפנטלעכן די אויפאָדערונג אין „אונדזער שטימע“, אין קעגנ־פאַל פאַרלירן זיי דאָס רעכט אויף די איינגעלייגטע משכנות.

הרב יואל האַלפּערין
בערגן־בעלזן


## צו אַלע אויסלענדישע לעזער!

אַלע געלדער פאַר אונדזערע אויסגאַבן בעטן מיר איבערצוווייזן אויפן אַדרעס:

M. ALLEN
218 Beverley St. Apt. C.
TORONTO, ONT. 2 B
CANADA

דוד ראָזנטאַל

# דעם טייוולס וועג־באַנער

אין אַלע הויפּט־שטעט פון דער וועלט האָבן געוויזט די געבורט־העלפער פון דעם מאָדערנעם מיטלאַלטער, די פאַרווירקלעכער פון דער באַרבאַרישסטער פון אַלע ציַיטן אונמאָראַל, די וועג־באַנער פון דער „בלוט און אייזן פּאָליטיק" — די בויער פון דער היטלעריסטישער טיראַניי. די באַזע אָבער אויף וועלכע היטלער האָט אויפגעשטעלט זיין טייוולאָנישע מאַכט זיינען געוועזן די גרויסע מאַסן דייטשישע פאָלקס־מענטשן, וועמענס צאָל האָט אין 1932 שוין דערגרייכט 12 מיליאָן פאַרהיפּנאָטיזירטע אָנהענגער פון זיינע באָדן־דעראָבערונג און פעלקער־אונטערדריקונגס־פּלענער. די פעדים פון זיינע אונטערשטיצער ציען זיך פון פאַראָרעמטע דייטשישע שטובן, דורך פּאַלאַצן פון דייטשישע קוילן־, שטאָל־ און אייזן־מאַגנאַטן ביז אין די הערשער־קאַבינעטן פון גרויס־ענגלישע און אַמעריקאַנישע קאָנצערן־אינהאַבער. זיי אַלע האָבן אַן אָנטייל אין דער צעשטערונג פון שלום; זיי אַלע האָבן געבראַכט אויף דער מענטשהייט דעם מבול פון בלוט און פייער, וואָס האָט פעלקער און לענדער פאַרגאָסן מיט אַ ים פון פּיין און אומגליקן. זיי אַלע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שרעקלעכע אין אייראָפּע דעספּאָטישע הערשאַפט, וועלכע האָט געזאָלט טויזנט יאָר נישט ווערן באַרירט דורך די ציינער פון דער צייט; באַהערשן די רומענישע און פּערסישע אייל־קוואַלן, בעלגישע, האָלענדישע, נאָרוועגישע, פראַנצויזישע, פּוילישע געביטן, די אוקראַינע און דעם וועג ביז באַגדאַד. ווייט גרייכנדיקע טייוולאָנישע פּלענער צו וועמענס פאַרווירקלעכונג דאָס דייטשישע פאָלק איז באַוויגן געוואָרן דורך אַן אַגיטאַציע־אַפּאַראַט, וואָס האָט פאַרשלונגען אין לויף פון אַ קורצער צייט העכער 6 מיליאָן רייכס־מאַרק, צוגעשטעלטע דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון דעם רור קוילן־סינדיקאַט. אַזוי האָט איין האַנט געוואַשן די צווייטע און צום סוף באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָפיציעלע דערקלערונג פונעם פירער פון דעם „דערוואַכטן" דייטשלאַנד, אַז ער וועט אין זיין סאָציאַליסטישן שטאַט פון מאָרגן נישט נאַציאָנאַליזירן די קוילן־גרובן (דאָס איז געוועזן טרייהייט די אַרבעטער־מאַסן לויטן נוסח פון די נאַציס טראָץ זייער „סאָציאַליסטישע" פּלאַפּלעריי). אויפשטעלנדיק די שוץ־וואַנט קעגן דעם שטייגערנדיקן אין לאַנד פאָלקס־צאָרן איז דאַן געשלאָסן געוואָרן דער בונד פון דער נאַצישער פּאַרטיי און דעם דייטשישן גרויס־קאַפּיטאַל אין דיסלדאָרף אין פּריוואַט־פּאַלאַץ פון באַנקיר שרעדער מיט דער באַטייליקונג פון קאַנאָנען־קעניג קרופּ, שטאָל־קעניג טיסען און די פירער פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי היטלער און פאָן פּאַפּען. זיי האָבן געליפערט געלט; דאָס פאָלק אויספירער פון דער היטלעריסטישער וועלט־פאַרניכטנדיקער פּאָליטיק. טויזנטער ס. ס. און ס. אַ. לייט זיינען געוואָרן געשולט און באַוואָפנט צום קאַמף פאַר אַ נייע אייראָפּע אין וועלכער ס׳האָט געזאָלט הערשן די גרויזאַמע היטלער־באַנדע. מיליאָנען זיינען געפאַלן צום מאַסן־מערדער היטלער פאַר זיינע מאָרד־צוועקן. אין אַלע קעמערלעך פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי זיינען געלעגן געלט־רעזערוון; די קלענסטע פּאַרטיי־פונקציאָנערן זיינען געוואָרן רייכלעך באַלוינט. מיט געלט איז געבאַנט געוואָרן דער וועג צו דער מאַכט און גלייך נאָך דער באַהערשונג פון דער רעגירונגס־געביידע אין בערלין זיינען די לעבנס־וויכטיקסטע מלוכה־פּאָסטנס איבערגעגעבן געוואָרן אין פּריצישע הענט. און ביי זיי עקזיסטירט שוין זייט יאָרן אַ סדר לויט וועלכן די וועלט זאָל זיך אַנטוויקלען. לויט דעם יושר דאַרפן מיליאָנען פאַרטרונקען ווערן אין בלוט, כדי עטלעכע הונדערט פאַמיליעס זאָלן אַרומשווימען אין גאָלד. אַלס אָפּפער ביים דערגרייכן זייער ציל קאָנען געבראַכט ווערן גאַנצע פעלקער. אַלע מיטלען ווערן סאַנקציאָנירט, אפילו פאָלקס־פאַראַט. און דעם פּרימאַט פון זייערע אינטערעסן האָבן די פּאַטריאָטישע נאַצים אָנגענומען, קרופּן פאַרגעסן זיין האַנדל מיט דער ענגלישער אונטערנעמונג וויקערס, וועלכע ער האָט בשעת דעם ערשטן וועלט־קריג פאַרקויפט זיין ליצענץ אויף געוויסע קריגס־אויסאַרבעטונגען מיט וועלכע ס׳זיינען שפּעטער געטויט געוואָרן צענדליקע טויזנטער דייטשישע סאָלדאַטן, זיינע אייגענע פאָלקס־ברידער. פון יעדן אין ענגלאַנד פּראָדוצירטן צינדער האָט דער דייטשישער באַנקיר באַקומען אַ שילינג. קאָנען אַלזאָ אומקומען אייגענע ברידער, דער עיקר: דער אַקציען־קאַפּיטאַל פון קאָנצערן וואַקסט (דאָס איז פאָלקס־ליבע און פּאַטריאָטיזם לויטן נוסח פון געוויסע קרייזן). מיט פראַזן וועגן סאָציאַלן איבערבוי האָט ער פאַרפלייצט דייטשלאַנד, געפאַנגען מיליאָנען און פאַרדעקט די פאַרטערישע אינטענצן פון די עטלעכע הונדערט פאַמיליעס. און דער אמת וועגן זייער פּאַטריאָטיזם האָט קוים דערגרייכט אין פאָלק. „נישט דער קיסר און נישט די קעניגן און זיכער נישט דאָס פאָלק האָבן עפּעס צו זאָגן אין אונדזערע באַטריבן" — האָט שטאָלץ געקלונגען די שטימע פון מיט־אינהאַבער פון יעדן סינדיקאַט, ווען ס׳איז אויסגעהויבן געוואָרן די פאָדערונג פון קאָנטראָל איבער דער פאַרווענדונג פון דער קריגס־פּראָדוקציע. און נישט אָן גרונט האָט מען זיך געוועורט קעגן אויג פון פאָלק און געזעלשאַפטלעכער מיינונג. די געשיכטע פון דייטשישן גרויס־קאַפּיטאַל און זיין פאַרבינדונג מיט געוויסע אינטערנאַציאָנאַלע קרייזן שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די טרויעריקסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווו געיעג נאָך גאָלד און געלט טרייבט פעלקער אויף שלאַכט־פעלדער און פירט איין די מיטלאַלטערלעכסטע פאָרמען פון שקלאַפן־דינסט אין די פאַרקנעכטעטע לענדער. ווער פון אונדז געדענקט נישט די י. ג. פאַרבן־אינדוסטרי אין קאָנצענטראַציע־לאַגער בונאַ־מאָנאָוויץ? טאָג טעגלעך האָבן טויזנטער נאַקעטע און אויסגעמאָגערטע העפטלינגע אַרויסמאַרשירט פון בלאָקן, כדי זייער אַרבעט און לעצטע כחות אַוועקצוגעבן פאַר דער פאַרגרעסערונג פון די פּראָפיטן פון איינעם פון די גרעסטע דייטשישע קאָנצערנען. אַ געהיימער דאָקומענט פון די י. ג. פאַבריקן, וועלכער איז

אַנטדעקט געוואָרן בײַם אַרײַנמאַרש פון די אַליירטע אַרמייען דערציילט, אַז נאָך אין יאָר 1945 האָט דער י. ג. פאַרבן־קאָנצערן באַשעפטיקט 65 טויזנט צוואַנגס־אַרבעטער. אין די לאַבאָראַטאָריעס פון דער י. ג. זײַנען פּראָדוצירט געוואָרן די שרעקלעכסטע גאַזן און מיט זיי דערשטיקט מיליאָנען יידן. די פאַרברעכערישע וויסנשאַפטלער פון דער י. ג. האָבן געבויט די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ און מאַידאַנעק (היינט איז קיינער פון זיי נישט געווען קיין „פּאַרטיי־גענאָסע"). אָט די פאַרברעכער־באַנדע, וועמענס געוויסן ס'איז באַפלעקט מיט אַזויפיל אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט האָט אירע אָפּטיילונגען געהאַט איבעראַל אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין פראַנקרייך און אין שפּאַניען, אין נאָרוועגן און אין דער שווייץ. נאָך לאַנג פאַר דעם אויסברוך פון דעם צווייטן וועלט־קריג האָבן זיי שוין זאָנדירט דעם באָדן און געגרייט זיך צו די מאָרד־טאַטן. אין 1926 האָט דער דייטשישער י. ג. פאַרבן־קאָנצערן איינגעטיילט צווישן זיך און אַמעריקאַנישע און ענגלישע טרוסטן דעם וועלט־מאַרק. צווישן די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון די י. ג. אונטערנעמונגען אין אויסלאַנד זעט מען דעם זון פון הענרי פאָרד און דעם פּרעזידענט פון אַמעריקאַנישן „סטאַנדאַרט אָיל". אין 1942, ווען איראָפּע האָט שוין געשמאַכט אונטער דעם שווערן יאָך פון די נאַציִשע טיראַנען זײַנען דורך פאַרשיידענע וועגן געליפערט געוואָרן פון „סטאַנדאַרט אָיל" דעם י. ג. קאָנצערן געהיימע מיטלען צו דער פּראָדוקציע פון קינסטלעכן גומי און צו פראַנצויזישע פירמען — קינסטלעכער בענזין. דאָס איז געשען אין אַ צייט, ווען פראַנקרייך איז שוין געווען אַ וואַסאַלן־מלוכה פון דייטשלאַנד. די הילף פון „סטאַנדאַרט אָיל" דעם נאַציִשן דייטשלאַנד האָט זיך דערמיט נישט געענדיקט. דער איינפלוס־רייכער אַמעריקאַנישער טרוסט האָט געהערט צו די שאַרפסטע קעגנער פון דער רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע און ביז דער לעצטער מינוט נישט געלאָזט אַמעריקע אַרײַנטרעטן אין צווייטן וועלט־קריג. זיי האָבן אין לאַנד באַהערשט אַ טייל פון דער פּרעסע, געפּרוּווט באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג און צווינגען די פאַראייניקטע־שטאַטן צו אָנערקענען די היטלעריסטישע באָדן־דעראָבערונגען אין איראָפּע. זיי האָבן געשמירט די נאַציִשע קריגס־מאַשין, נישט דערלאָזט איר אָפּשטעלן, פינאַנסירט די „לופט־ליניע צווישן רוים און דרום אַמעריקע וואָס האָט אַרײַנגעבערנגט אין לאַנד היטלעריסטישע אַגיטאַטאָרן און שפּיאָנען.

*

דאָס קאַפּיטל געשיכטע, וואָס איז דאָ אָנגעצייכנט געוואָרן פאַרן לעזער איז נאָר אַ שוואַכער ליכט־פּאַס אויף דעם שוואַרצן הינטער־גרונט פון צווישן־פעלקערלעכע און צווישן־מענטשלעכע באַציונגען. אַזוי פירן געוויסע קרייזן די וועלט, פאַרהוילנדיק פאַר פיל דעם פאַקטישן אמת, ווייל זייער דערקענטעניש ליגט נישט אויף דער ליניע פון זייערע אינטערעסן. אָט די קרייזן זײַנען איבעראַל פאַרבאָרגן און אינספּירירן צו טאַטן. זיי לערנען פאַראַכטן שכל און לערע, זיי דרינגען אַרײַן אין דער שולע און אין דער שטוב, אין טעאַטער און אין דער ליטעראַטור און טורמען אויף צווישן פעלקער און מענטשן בערג מיט שנאה.

דב לויפער

# אין די ערשטע טעג פון אונדזער באַפרייונג

## דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין קיינמאָל נישט פאַרגעסענעם ברודער שמואל ז"ל געווידמעט

ס'דערנענטערט זיך דער יאָר־טאָג פון אונדזער באַפרייונג.

שווער צו גלויבן, אַז זינט דעם טאָג, ווען די יידן פון פאַרניכטונגס־לאַגער בעלזן זײַנען אַרויסגעריסן געוואָרן פון די נעגל פון טויט, זײַנען שוין אַדורך 2 יאָר.

די גיהנום־בילדער פון יענערווירקלעכקייט זײַנען נאָך אַזוי פריש אין אונדזער זכרון, אַז זייערע קאָנטורן וועט נישט פאַרווישן קיין שום צייט און איבערלעבעניש.

ס'דאַכט זיך, ווי דאָס אַלץ וואָלט ערשט נעכטן פאָרגעקומען. די הויכע בערג מתים פאַר די בלאָקן אין שפּיטאָל; די קוים באַוועגנדיקע זיך העפטלינגען פאַר די מיסט־קאַסטנס, זוכנדיק קאַרטאָפל־שאָלעכץ און שטיקלעך אַלט ברויט; די הונדערטער קראַנקע אויף די שנעל צוזאַמענגעהאַקטע בעטלעך מיט די אויסגעשטרעקטע נאָך הילף הענט. אויפטרייסלדיקע בילדער פון אומבאַשרייבלעכער נויט און עלנט. דאָס האַרץ קראַמפּט צוזאַמען, ווען מען דערמאָנט זיך צו וואָס פאַראַ חיה'שע מאַטן דאָס „הערן־פאָלק" האָט זיך דערלאָזט. וואָס פאַראַ קליינער ברוכטייל פון דעם איראָפּעישן יידנטום האָט זייער מפּלה דערלעבט! און ווי צערייסט דער שמערץ די נשמה, אויף דעם געדאַנק, אַז צענע טויזנטער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער האָט נאָך אַ קוש געטאָן דער ערשטער שטראַל פון דער פרייהייטס־זון און דאַן האָבן זיי זייערע הייליקע נשמות אויסגעהויכט.

ס'איז פאַראַן אַ פאַרינטערעסירטער צד, וועלכער באַמיט זיך אַפילו ביי די טויטע צו פאַרווישן זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט. ער רעדט וועגן מיליאָנען אומגעקומענע אויפן חשבון פון די יידן. דער טאַט־זאַך דאַרפן מיר אַנטקעגנווידקן מיט אַלע אונדזערע מיטלען. מעגלעך, אַז די יידן זײַנען די פאַרקערפּערער פון דעם שלעכטן געוויסן ביי די פעלקער. מעגלעך, אַז די יידן דערמאָנען זיי אין דעם פאַראַט פון די אידעאַלן, פאַר וועלכע מיליאָנען זײַנען געצווינגן געוואָרן אויף די שלאַכט פעלדער, זיי וועלן אָבער נישט אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט. מיר וועלן זיי פירן אויף די ערטער פון די שרעקלעכע טאָרטורן און זייערע געוויסנס ברענען מיט דער שאַנד פון זייערע טאַטן.

עס דראָט אַ סכנה פון פאַרווישן די גרענעץ צווישן דעם פּייניקער און דעם געפּייניקטן. אויף די פרידנס־קאָנפערענצן פּערטראַקטירט מען נישט וועגן שלום־אָפּמאַך פאַר דייטשלאַנד, נאָר וועגן נייע פּאַרטראַגן מיט דעם מערדער־לאַנד. אויף אונדז איבערגעבליבענע יידן ליגט די היסטאָרישע פליכט צו דערמאָנען און וואָרנען די וועלט צו וואָס דאָס דייטשישע הונען פאָלק איז מסוגל. בערגן־בעלזן איז דער סימבאָל פון דייטשישער שאַפונג, ווען זיי האָבן עטוואָס צו זאָגן און מיטדעצידירן. זאָלן מיר וועגן דעם געדענקען! די פליכט איז געהייליקט געוואָרן אויך מיט דעם לעצטן ווילן פון די קדושים. אויף די ווענט פון די וואַגאָנען, וועלכע האָבן געפירט צו מאַידאַנעק און אוישוויץ, אויף די ווענט פון די תפיסות אין וועלכע מען האָט פאַרשפאַרט פיל פון אונדזערע נאָענטסטע זײַנען געפונען געוואָרן אויפשריפטן, וואָס האָבן אויסגעדריקט דעם לעצטן לעבנס־באַגער און האַרץ־רוף. די דאָזיקע אויפשריפטן האָבן געמאָנט גערעכטיקייט און נקמה. ס'איז זיכער, אַז קיין קראַפט וועט נישט זיין ביכולת צו פאַרגיטיקן די שרעקלעכע, לגבי אונדז באַגאַנגענע, פאַרברעכנס. אָבער, זאָל דער פאַקט נישט פאַרקליינערן אונדזער שטרעבן די אויפשריפטן אין טאַט צו פאַרוואַנדלען.

BPJPL CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

# פון דער גאַנצער וועלט

מאָסקווע: וועגן זיין געשפּרעך מיט מאַרשאַל סטאַלין האָט דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער בידאָ געזאָגט: די קאָנפערענץ האָט געדויערט זייער לאַנג, אָבער טראָץ דעם זיינען די מיינונגס־פאַרשידענהייטן נישט באַזייטיקט.

* * *

מאָסקווע: אויסערן־מיניסטער בידאָ האָט דער־קלערט, אַז אַ גרונדזעצלעכער פאָרבאַדינג פאַר יעדער דיס־קוסיע וועגן דייטשלאַנד'ס ווירטשאַפטס־איינהייט און צענט־ראַל־רעגירונג, איז די דערלייַדיקונג פון קוילן־פּראָבלעם אין ליכט פון די פראַנצויזישע פאָדערונגען.

* * *

מאָסקווע: דער בריטישער פּלאַן וועגן דער צו־קונפטיקער פּאָליטישער סטרוקטור פון דייטשלאַנד, זעט פאָר די שאַפונג פון אַ פעדעראַציע־שטאַט אין וועלכן די באַשטימונג־און אויספיר־רעכטן וועלן ווערן פאַרטיילט צווישן דער צענטראַל־רעגירונג און אַ טוץ קליינע בונדעס־לענדער. פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג זאָל זיך שפּעטער אויסשאַלטן אַ רעפּובליקאַנישע־רעגירונג מיט אַ פּרעזידענט און אונטערהויז, וועלכעס שלאָגט פאָר געזעצן און אַ אָבערהויז מיט וועטאָ־רעכט.

* * *

בערן: לויט דער לעצטער רעדע פון שווייצאַרישן אויסערן־מיניסטער, וועט די שווייץ אָפּוואַרטן מיט דעם אָנשליסן זיך אין די פאַרייניקטע נאַציעס ביז ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די פאַרייניקטע נאַציעס אָנערקענען איר אייביקע נייטראַליטעט.

* * *

לאָנדן: דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט פאַר פּליטלינגען רופט צונויף אַ שוץ־קאָנפערענץ נאָך לאָנדן אויף וועלכער ס'וועלן ווערן באַטראַכט די טראַנספּאָרט־פּראָבלעמען פון העכער אַ מיליאָן צוואַנגס־פאַרשלעפּטע נאָך דרום־אַמעריקע.

* * *

נאַנקין: די כינעזישע רעגירונג האָט זיך אַרויס־געזאָגט קעגן פאָרשלאַג צו עפענען אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ אַ דיסקוסיע וועגן כינעזישע פּראָבלעמען. דעם פאָרשלאַג האָט געמאַכט מאָלאָטאָוו און לויט אים זאָלן זיך אין דער דיסקוסיע באַטייליקן: גרויס־בריטאַניע, סאָוויעט־רוסלאַנד, די פאַרייניקטע־שטאַטן און כינע.

* * *

מאָסקווע: אויסערן־מיניסטער בעווין האָט אָפּ־געוואָרפן מאָלאָטאָוו'ס פאָרשלאַג וועגן דער קאָנטראָל פון די פיר גרויס־מאַכטן איבער דעם רור־געביט.

* * *

מאָסקווע: די „טאַסס"־אַגענטור האָט פאַר־עפנטלעכט אַ געהיימען דאָקומענט פון אָפּמאַך אין יאַלטאַ, אויפן סמך פון וועלכן ס'איז צו זעען, אַז די גרויס־מאַכטן האָבן באַשטימט די רעפּאַראַציע־סומען, וועלכע דייטשלאַנד מוז באַצאָלן. אין דער הויך פון 20 מיליאַרד דאָלאַר און פון דעם זאָל אַ העלפט באַקומען סאָוויעט־רוסלאַנד.

* * *

בערן: פיר מאַסן־פּראָצעסן קעגן שווייצאַרישע קוויזלינגען וועלן פאָרקומען אין די נאָענטסטע חדשים. צווישן די באַשולדיקטע געפינען זיך שוין די 38 מיטגלידער פון דער „שווייצאַרישער אוניאָן אין דייטשלאַנד". די „אוניאָן" האָט געזאָלט העלפן דייטשלאַנד פאַרכאַפּן די שווייץ. נאָך דעם צוזאַמענברוך פון דייטשלאַנד זיינען די „אוניאָן"־מיט־גלידער צוריקגעקומען אין דער שווייץ און גלייך געוואָרן אַרעסטירט.

* * *

טאָקיאָ: יאַפּאַן האָט די טעג געשלאָסן דעם ערשטן האַנדלס־אָפּמאַך זינט דער קריגס־ענדע. דער אָפּ־מאַך־פּאַרטנער זיינען די פיליפּינען.

* * *

קאָנצעפּציאָן: דער אויפשטאַנד אין פּאַראַגוויי פאַרברייטערט זיך. די מאַנשאַפט פון 12 עראָפּלאַנען מיט זייערע מאַשינען זיינען איבערגעגאַנגען צו די אויפ־שטענדלער. אַ דריטל פון פּאַראַגוויי איז שוין באַהערשט דורך די רעבעליאַנטן. טראָץ דעם, וואָס די רעגירונג קאָנטראָלירט נאָך צוויי־דריטל פון לאַנד און פיר־פינפטל פון דער באַפעלקערונג איז אָבער איר לאַגע זייער אַ קריטישע. דער אָנפירער פון אויפשטאַנד — אַרטוראָ כאַמאָס האָט מיטגעטיילט, אַז זיין מיליטער איז שוין גרייט אָנצו־הויבן דעם שטורם אויף דער הויפּט־שטאָט.

* * *

בריסל: די נייע בעלגישע רעגירונג איז געביל־דעט געוואָרן דורכן ביז־איצטיקן אויסערן־מיניסטער הענרי ספּאַק. דער נייער קאַבינעט אין וועלכן ספּאַק איז מיניס־טער־פּרעזידענט און אויסערן־מיניסטער באַשטייט פון: 8 סאָציאַליסטישע, 9 קריסטלעך־סאָציאַלע און 2 אומפּאַר־טייישע מיניסטאָרן.

* * *

מאָסקווע: בידאָ האָט אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ געפאָדערט: 1) פאַרווערן יעדע איבערוואַנ־דערונג פון דער דייטשישער באַפעלקערונג. 2) פאַרווערן דאָס באַזעצן זיך פון ד. פּ. אין דייטשלאַנד און וואָס שנע־לער אַרויספירן זיי פון דאָרט. 3) אָרגאַניזירן אַן עמיגראַציע פון דייטשלאַנד.

BPJPL
CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

# אין ארץ ישראל
# און אין דער ציוניסטישער באוועגונג

אין גליל האט מען לעצטנס פארפלאנצט צוויי נייע וועלדער. אין משך פון יאר תש"ו זיינען פארפלאנצט געווארן אין גליל א האלבער מיליאן ביימער.

---

די צווייטע עקספערימענטאלע וואסער־זוכונג אין נגב האט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאטן. דער נייער ברונעם גיט ארויס 170 קוביק מעטער וואסער א שעה און וועט דערגרייכן ביז 200 מעטער. דער ערשטער ברונעם האט ארויסגעגעבן בלויז 80 קוב. מעט.

---

דער מעדיצינישער־פאקולטעט ביי דער העברעישער אוניווערסיטעט וועט שוין אנהויבן פונקציאנירן אין יאר 1948. א וועלט־בארימטער אנאטאמיסט איז שוין אנגאזשירט געווארן אלס פראפעסאר. דער ישוב האט פראקלאמירט א זאמל־אקציע פון 250 טויזנט פונט א יאר אין משך פון די נאענטסטע פינף יאר. עטלעכע יונגע א"י־דיקע וויסנשאפטלער, וועלכע ארבעטן אויף פארשיידענע געביטן פון דער מעדיצינישער־וויסנשאפט זיינען ארויסגעשיקט געווארן קיין אויסלאנד צו שטודירן די מאדערנע פעדאגאגישע סיסטעמען. א גרופע פלעגערינס פארט אפ אינגיכן צו ספעציאליזירן זיך אין זייער פאך.

---

דאס ווייסע־הויז האט פארעפנטלעכט א דערקלערונג, אז אמעריקעס שטעלונג צו א"י איז דיקטירט נישט פון פארטייאישע אדער לאקאלע מאטיוון, נאר פון אויפריכטיקן און טיפן אינטערעס פונעם גאנצן פאלק פאר א"י.

---

לויט ידיעות פון וואשינגטאן האט הערבערט הוווער נאך א געשפרעך מיט ראבאי פיליפ בערנשטיין — ראטגעבער פאר יידישע ענינים ביי דער אמעריקאנישער מיליטערישער הויפט־קווארטיר אין דייטשלאנד, אויפגעפאדערט די ענגלישע רעגירונג צו פארגרעסערן די יידישע עמיגראציע קיין א"י אין משך פון דער צייט, ביז ס'וועט דעצידירט ווערן דאס א"י־פראבלעם.

---

וויליאם גרין — פירער פון דער אמעריקאנישער ארבעטער־פעדעראציע האט דערקלערט, אז די בריטישע לייבאר־רעגירונג מוז דערפילן אירע הבטחות בנוגע א"י. דער לעצטער באשלוס פון דער בריטישער רעגירונג איבערצוגעבן דעם פאלעסטינער ענין צום משפט פון די פאראייניקטע פעלקער איז נישט מער ווי „אן אנטלויף פון אומפארמיידלעכע שוועריקייטן".

---

טויזנטער יידישע סטודענטן אין אמעריקע צוזאמען מיט א סך פון זייערע פראפעסארן האבן זיך באטייליקט אין דעמאנסטראציעס, וואס זיינען איינצייטיק פארגעקומען אין גאנצן לאנד, אלס פראטעסט פון דער בריטישער בלאקאדע פון יידישער רעעמיגראציע נאך א"י.

---

אויף דעם צענטראלן וואקזאל אין פראג האט א גרויסער יידישער עולם באגלייט מיט געזאנג פון „התקוה" 120 יידישע סאלדאטן פון דער טשעכאסלאוואקישער ארמיי, וועלכע זיינען מאביליזירט געווארן אין א"י און קערן זיך אום איצטער אהיים מיט זייערע פאמיליעס.

---

ענטפערנדיק אויף אן אנפראגע האט דער ארגענטינער פרעזידענט פעראן פארזיכערט, אז ארגענטינע וועט אונטערשטיצן די יידישע פאדערונגען אין די „פאראייניקטע נאציעס".

---

א קאמיטעט פון דריי אין באשטאנד פון ד"ר סילווער, ד"ר נחום גאלדמאן און משה טשערטאק דארף אויסארבעטן א רעזאלוציע פאר די „פאראייניקטע נאציעס". ווארשיינלעך, וועט זי זיך נישט אונטערשיידן פון דער באזעלער דעקלאראציע, וואס פאדערט פרייע עליה און קאלאניזאציע אין גאנץ א"י, אבער זי וועט אנטהאלטן א צוגאב־קלאוזל, אז די ציוניסטישע לייטונג גרייט צו באטראכטן אנדערע פארשלאגן, איינשליסלעך חלוקה.

---

אין די ציוניסטישע אנפירנדיקע קרייזן ווערט באטראכט די פראגע, וועלכע מלוכה זאל רעפרעזענטירן די ציוניסטישע זאך אויפן פלענום פון „יונא", ווען עס וועט באהאנדלט ווערן דאס א"י־פראבלעם. אייניקע האלטן, אז דאס דארף זיין א מערב־אייראפעישע מלוכה מיט אן אלטער דעמאקראטישער טראדיציע — ווי למשל שוועדן, אדער נארוועגיע.

---

לויט מעלדונגען פון דער א"י־דיקער פרעסע האט פראפ. חיים וויצמאן פארענדיקט א נייע כעמישע דערפינדונג, וועלכע וועט שפילן א וויכטיקע ראלע אין דער אנטוויקלונג פון דער א"י־דיקער אינדוסטריע. דאס איז א נייער מאטעריאל, וואס ווערט געמאכט פון די פעדים פון א געוויסער פלאנץ. דער נייער מאטעריאל איז שטארק און עלאסטיש און ס'איז אים אונמעגלעך צו צערייסן.

---

BPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

# אין דער וועלט פון ליטעראטור און קונסט

גראד אין דער צייט פון אולטימאטום פון דער ענגלישער רעגירונג צום ישוב איז אויסגעפאלן דער צען־יאריקער יובילעום פון א"י־דיקן סימפאנישן ארקעסטער, וועלכער איז געגרינדערט געווארן דורך בראניסלאוו הובערמאן. לכבוד דעם יום־טוב איז איינגעלאדן געווארן אויף א רייע קאנצערטן דער בארימטער דיריגענט מאלינארי.

---

די „הבימה" פירט איצט אויף דאס בארימטע שטיק פון סאפאקלעס „עדיפוס". „עדיפוס" איז רעזשיסירט געווארן דורך טייראן געטרי, וועלכער געהערט צו די גרעסטע רעזשיסערן פונעם היינטיקן ענגלאנד. ער איז אזוי באגייסטערט פון די "הבימה"־ארטיסטן, אז ער האט צוגעזאגט צו רעזשיסירן נאך פארשטעלונגען.

---

דער באקאנטער וויסנשאפטלער און מיטגליד פון אקאדעמישן ראט פון „ייווא" פראפ. ליפשיץ האט צוגעגרייט די ענגלישע איבערזעצונג פון י. ל. פרץ, וואס דער „ייווא" גיט ארויס צוזאמען מיטן יידישן אריגינאל.

---

און פארלאג „עוגן" זיינען דערשינען: א העברעישע איבערזעצונג פון י. אפאטאשו „ווען פוילן איז געפאלן" און א ניי בוך לידער פונעם באוווסטן העברעישן דיכטער און עסייסט יצחק זילבערשלאק.

---

אין אמעריקע איז געפייערט געווארן דער 25־יאריקער יובל פון דער העברעישער וואכן־שריפט „הדואר", וואס ווערט רעדאגירט פון העברעיש־יידישן קריטיקער און פובליציסט מנחם ריבאלאוו.

---

דער באקאנטער פירער פון „בונד" אין פוילן, יעקב פאט, וועלכער לעבט איצט אין אמעריקע האט פארעפנטלעכט א בוך וועגן יידישן חורבן אין פוילן א. נ. "אש און פייער".

---

אין א"י עקזיסטירן איצט ביז 16 העברעישע פארלאגן. עטלעכע פון זיי זיינען געזעלשאפטלעכע; „עם עובד" פון דער „הסתדרות" איז דער גרעסטער; „ספריה לפועלים" פון „השומר הצעיר"; „מוסד ביאליק". פון די פריוואטע פארלאגן איז דער גרעסטער דער "שאקען־פארלאג".

---

די ביאליק־פרעמיעס פאר וויסנשאפטלעכע און ליטערארישע ווערק, וואס ווערן יעדן יאר געגעבן פון תל־אביבער שטאט־ראט האבן היינטיקס יאר באקומען: גרשון שאפמאן און יהודה גור.

---

די אנטוויקלונג פון העברעישן בוך און פרעסע אין לעצטן יאר האט געמאכט אין אמעריקע באדייטנדיקע פארשריטן. עס זיינען דערשינען 8 גרויסע זאמל־ביכער; 11 ווערק אויפן געביט פון פארשונג; 11 ביכער פון פארשיידנארטיקע עסייען; 50 ספרים אויף די געביטן פון הלכה, קאמענטאר, דרוש, מוסר, שאלות ותשובות; 11 ביכער דערציילונגען און פיעסן, 7 ביכער געזאמלטע לידער; 13 קינדער־ביכער; 10 האנט־ביכער; 3 לערן־ביכער; 14 זאמלונגען אין צוויי־שפראכיקע ביכער, וואס זיינען ארויסגעגעבן געווארן ביי קולטורעלע געלעגנהייטן; 97 פאטאגראפירטע אויפלאגעס פון אלטע ספרים און ביכער. א חוץ דעם זיינען דערשינען 10 פעריאדישע זשורנאלן; 6 באזונדערע צייטשריפטן; אויסער דעם דערשיינען אין קורצן: „כי פנה יום" — א ראמאן פון יידישן לעבן אין אמעריקע פון ראובן וואלינראר; „על האי" — לידער פון שמעון האלקין; „מאמרים רשימות" — א בוך פון עסייען פון י. אובסי; „עלה עולם בשיר" — א זאמלונג לידער פון יצחק זילבערשלאג. אין קורצן וועט אויך ארויס פון דרוק דער „גליון היובל", א זאמלונג אין צוזאמענהאנג מיט דעם 25־יאריקן יובל פון „הדואר". די זאמלונג וועט זיין אן אפשפיגלונג פון דעם יידישן געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן־לעבן אין די לעצטע 25 יאר.

---

אונטער דער לייטונג פון יוסף פרענקל, דעם ערן־סעקרעטאר פון יידישן זשורנאליסטן־ און ליטעראטן־פאריין אין לאנדן איז ארגאניזירט געווארן א פרעסע־אויסשטעלונג, וועלכע שפיגלט אפ די אנטוויקלונג פונעם יידישן צייטונגס־וועזן אין דעם באפרייטן אייראפע. ווי עס טיילט מיט די יידיש־ענגלישע פרעסע איז דער איינדרוק פון די לערך 150 צייטונגען און זשורנאלן, וואס זיינען דערשינען אין פארשיידענע שפראכן אין 15 פון די באפרייטע אייראפעישע לענדער א זייער גוטער. צו דער ארגאניזירונג פון דער אויסשטעלונג האבן ביי־געטראגן: דער יידישער וועלט־קאנגרעס, דער יידישער זשורנאליסטן־און ליטעראטן פאריין אין לאנדן און דער פראפאגאנדע־קאמיטעט פונעם ארבעטער־רינג אין ענגלאנד.

---

גרויסע מאסן מענטשן האבן אויסגעפילט דעם גרעסטן טעאטער־זאל אין פאריז „פאלע שאיא", בשעת דער פרעמיערע פונעם פילם „מיר זיינען דא". דער פילם טראגט איבער דעם צושויער אין די היסטארישע סעפטעמבער־טעג פון יאר 1939 און שילדערט דעם גורל פון דער יידישער באפעלקערונג אונטער דער ממשלה פון נאצישע באנדעס. עס ווערט אויך געוויזן די יידישע אויפבוי־ארבעט נאך דער באפרייונג.

---

# פון אונדזער לעבן

## וועגן די וואַלן אין בעלזן

### הסכם

פון די פּאָליטישע פּאַרטייען:

„אגודת־ישראל",
„ברית הציונים־הרביזיונים המאוחדת",
מפלגת „השומר־הצעיר",
„התאחדות הציונים הכלליים",
„מזרחי",
„פּועלי־ציון (צ. ס.) — התאחדות",
„פּועלי־ציון" (לינקע),

וועגן דער שאַפונג פון אַן איינהייטלעכער קאָאָרדינאַציע צו די וואַלן צום אָרטיקן קאָמיטעט אין בעלזן.

אַרויסגייענדיק פון דער געשאַפענער לאַגע פון דעם יידישן צבור אין דייטשלאַנד, נעמענדיק אין באַטראַכט די ערנצטקייט פון דער שעה בשייכות מיט דער בעפאָר־שטייענדיקער עליה, האָבן מיר, אַלע פּאָליטישע ריכטונגען פון לאַגער בעלזן, באַשלאָסן אויפצוטרען פאַר דער היגער באַפעלקערונג מיט אַן איינהייטלעכער קאָאָרדינאַציע צו די וואַלן צום אָרטיקן קאָמיטעט לויט די פאָלגנדיקע יסודות:

א. דער אָפיציעלער נאָמען פון בלאָק איז „דער אַלגעמיינער קאָאָרדינאַציע בלאָק".

ב. אַלס פּאָרזיצנדער פון קאָמיטעט ווערט אַרויס־געשטעלט די קאַנדידאַטור פון ח' יוסף ראָזנזאַפט.

**באַמערקונג:**

ביי יעדער אָפּשטימונג אין ניי־געוויילטן קאָמיטעט, ווו עס טיילן זיך די שטימען גלייך אויף גלייך, דע־צידירט נישט דער פאָרזיצנדער מיט זיין צווייטער שטימע.

ג. יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי באַקומט צו איין מאַנ־דאַט אין קאָמיטעט לויטן פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל מיט דער אַקצעפּטירונג פון דער מערהייט פּאַרטייען:

1. משה גאָלדמאַן . . „פּועלי־ציון (צ. ס.) —התאחדות",
2. לייב גערשט . . . „אגודת־ישראל",
3. שמואל וויינטרויב . „מזרחי",
4. מרדכי צבי טייכער . „ברית הציונים הרביזיונים",
5. גרשון כץ . . . „השומר־הצעיר",
6. חיים פּאָסלושני . . „פּועלי־ציון (לינקע)",
7. יהושע פרידלער . . „התאח. הציונים הכלליים„.

ד. אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע גייען אַריין צו איין פאָרשטייער פון „אגודת־ישראל", „ברית הצה"ר המאוחדת" און „פּועלי־ציון (צ. ס.) —התאחדות" מיט שטים־רעכט און צו איין פאָרשטייער פון „השומר־הצעיר" און „מזרחי" מיט באַראַטונגס־רעכט:

1. לייב איינהאָרן . „אגודת־ישראל" (שטים־רעכט),
2. דב קופּערשטיין . „ברית הצה"ר" (שטים־רעכט),
3. יחיאל קורנענדז . „פּועלי־ציון (צ. ס.)"- (שטים־רעכט),
4. יעקב בערנהאָלץ . „מזרחי" (באַראַטונגס־רעכט),
5. נח ראָזנפעלד . "השומר־הצעיר" (באַראַט.־רעכט).

ה. יעדע פּאַרטיי האָט דאָס רעכט צו יעדער צייט צוריקצוציען איר מיטגליד פון קאָמיטעט און פון דער רע־וויזיאָנס־קאָמיסיע לויטן באַשלוס פון פּאַרטיי־קאָמיטעט. די דאָזיקע באַמערקונג איז נישט חל אויפן פאָרזיצנדן.

ו. עס ווערט נישט דערמעגלעכט פאַר איין פּערזאָן צו זיין גלייכצייטיק אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט און אינעם אָרטיקן קאָמיטעט. די באַמערקונג איז נישט חל אויפן פאָרזיצנדן.

ז. די אַלע איבעריקע יסודות פון הסכם אַנטהאַלט אין זיך די וואַל־אָרדינאַציע.

ח. דער הסכם בינדט אַלע אויסגערעכנטע פּאַרטייען אויף דער גאַנצער צייט פון דער קאַדענץ פונעם ניי־גע־וויילטן קאָמיטעט.

ט. דער אויבן דערמאָנטער פּראָטאָקאָל באַקומט זיין קראַפט דורך די אונטערשריפטן פון די מאַסגעבנדיקע פאָרשטייער פון אַלע אויסגערעכנטע פּאַרטייען.

י. יעדער פון די אונטערצייכנטע פונעם דאָזיקן הסכם באַקומט אַן עקזעמפּלאַר פון אָפּמאַך, וועלכער דינט אויך אַלס אָריגינאַל.

**אונטערשריפטן:**

1. (—) לייב איינהאָרן . . „אגודת־ישראל"
2. (—) י. לבינסון . . . „ברית הצה"ר המאוחדת"
3. (—) שמריהו בלאָך . . „השומר־הצעיר"
4. (—) ח. קליין . . . „התאח. הציונים הכלליים"
5. (—) בערנהאָלץ . . . „מזרחי"
6. (—) משה גאָלדמאַן . . „פּועלי־ציון (צ. ס.) — התאחדות"
7. (—) י. טענענבוים . . „פּועלי־ציון" (לינקע)

---

### צו דער יידישער באַפעלקערונג אין בעלזן!

אין אָנבליק פון דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע פון די יידן אין בעלזענעם לאַגער, וועלכע זיינען ענדלעך, נאָך 23 מאָנאַטן קאַמף און אויסדויער פאַר אונדזער פולער באַפרייונג פון לאַגער־לעבן און צוריקער אין אונדזער היס־טאָרישער נאַציאָנאַלער־היים אין ארץ־ישראל, געשטעלט געוואָרן פאַר דער מעגלעכקייט פון עליה — האַלטן מיר אין איצטיקן מאָמענט פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן חוב אויס־צומיידן דעם צווישנפּאַרטייען־קאַמף אויף אונדזער גאַס, כדי צו דערמעגלעכן אַ דערפאָלגרייכע אַדורכפירונג פון דער עליה אַקציע, וועלכע איז די איינציקע היסטאָרישע לייזונג פון אונדזער טויזנטיעריקער גלות־פאַרגאַנגענהייט

DPJPL
JEWISH PUBLIC LIBRARY
ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS
BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

און פון אונדזער שרעקלעכער טראַגעדיע, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט אין לעצטן וועלט־קריג.

מיר אונטן אונטערגעשריבענע פּאַרטייען האָבן אין דער היסטאָרישער שעה באַשלאָסן צו שאַפן אַן אַלגעמיינעם קאָאָרדינאַציע־בלאָק צו די וואַלן אין אָרטיקן קאָמיטעט און מיר פאַרזיכערן, אַז די דורך אונדז געשיקטע פאָרשטייער אין קאָמיטעט וועלן ערלעך אַדורכפירן זייער אַרבעט פאַרן געזונטמאַכן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן אין לאַגער. אונטער אַ געזעלשאַפטלעכער קאָנטראָל וועלן זיי פירן דעם קאַמף פאַר באַפרידיקן דאָס לעבן פון לאַגער־ייד אויף אַלע זיינע געביטן, ביז דעם גליקלעכן טאָג ווען מיר וועלן זוכה זיין, אַז דער לעצטער ייד פון בעלזן זאָל עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

מיר רופן די יידישע מאַסן פון בעלזן זיך אַקטיוו צו באַטייליקן אין די וואַלן און שטימען פאַר דעם אַלגעמיינעם קאָאָרדינאַציע בלאָק!

1) „אגודת ישראל"
2) „ברית הציונים הרביזיונים המאוחדת"
3) מפלגת „השומר־הצעיר"
4) „התאחדות הציונים הכלליים"
5) „מזרחי" ותנועת „תורה־ועבודה"
6) „פועלי־ציון (צ. ס.)—התאחדות"
7) „פועלי־ציון" (לינקע)

---

## פּראָטאָקאָל

### פון אויסגאַנג פון די וואַלן צום אָרטיקן קאָמיטעט אין בערגן־בעלזן

---

די וואַל־קאָמיסיע צו די וואַלן צום אָרטיקן קאָמיטעט און רעוויזיאָנס־קאָמיסיע אין בעלזן אין צוזאַמענשטעל:

1. יחיאל קורנענדז — פּאָרזיצנדער
2. יוסף טענענבוים — מיטגלידער
3. יעקב בערנהאָלץ „ „
4. שמריהו בלאָך „ „
5. יוסף לעווינסאָן „ „
6. לעאָן געלערט „ „
7. לייב איינהאָרן „ „

שטעלט פעסט אויפן סמך פון די אַריינגעפּלאָסענע פּראָטאָקאָלן פון די אָרטיקע וואַל־קאָמיסיעס פון אַלע 16 וואַל־ראַיאָנען, פאָלגנדיקן אויסגאַנג פון די וואַלן:

א. די אַלגעמיינע צאָל וואַל־באַרעכטיקטע 10.191

ב. שטימען האָבן אָפּגעגעבן:

פאַרן פּאָרזיצנדן (יוסף ראָזנזאַפט) — 6.678

פאַרן קאָמיטעט און רעוויזיאָנס־קאָמיסיע (ליסטע נר. 1) — — — — — 6.965

ג. גילטיקע שטימען:

פאַרן פּאָרזיצנדן — — — — — — — 6.648

פאַרן קאָמיטעט — — — — — — 6.925

ד. אומגילטיקע שטימען:

פאַרן פּאָרזיצנדן — — — — — — — — 30

פאַרן קאָמיטעט — — — — — — — 40

די הויפּט וואַל־קאָמיסיע: אונטערגעשריבן

(—) יחיאל קורנעדז — פּאָרזיצנדער
(—) י. טענענבוים
(—) בערנהאָלץ
(—) שמריהו בלאָך
(—) י. לעווינסאָן
(—) ל. געלערט
(—) ל. איינהאָרן

(מיטגלידער: י. טענענבוים, בערנהאָלץ, שמריהו בלאָך, י. לעווינסאָן, ל. געלערט, ל. איינהאָרן)

בערגן־בעלזן, דעם 16טן מערץ 1947
(אַזייגער 22.00)

---

## דעציזיע

### פון דער וואַל־קאָמיסיע צו די וואַלן צום אָרטיקן קאָמיטעט אין בעלזן

די וואַל־קאָמיסיע שטעלט פעסט אויפן גרונד פון דעם פּראָטאָקאָל פון וואַל־אויסגאַנג פון 16.3.47, אַז אַלס פּאָרזיצנדער פון אָרטיקן קאָמיטעט איז אויסגעוויילט געוואָרן דער ח'

יוסף ראָזנזאַפט
מיט 6648 שטימען

אַלס קאָמיטעט־מיטגלידער זיינען אויסגעוויילט געוואָרן די קאַנדידאַטן פון אַלגעמיינעם קאָאָרדינאַציע־בלאָק (וואַל־ליסטע נר. 1):

1) משה גאָלדמאַן
2) לייב גערשט
3) מרדכי טייכער
4) גרשון כץ
5) שמואל וויינטרויב
6) חיים פּאָסלושני
7) יהושע פרידלער

מיט 6925 שטימען

אַלס מיטגלידער פון רעוויזיאָנס־קאָמיסיע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן די קאַנדידאַטן פון אַלגעמיינעם קאָאָרדינאַציע־בלאָק (וואַל־ליסטע נר. 1):

1) לייב איינהאָרן
2) דב קופּערשטיין
3) יחיאל קורנענדז

— מיט שטים־רעכט

4) יעקב בערנהאָלץ
5) נח ראָזנפעלד

— מיט באַראַטונגס־רעכט

מיט 6925 שטימען

בערגן־בעלזן, דעם 16טן מערץ 1947
(אַזייגער 22.00)

וואַל־קאָמיסיע, אונטערשריפטן:

1) קורנענדז
2) טענענבוים
3) בערנהאָלץ
4) ש. בלאָך
5) לעווינסאָן
9) געלערט
7) ל. איינהאָרן

---

## קאָנסטיטוירנדיקע זיצונג פונעם ניי־געוויילטן קאָמיטעט

צומאָרגנס נאָך די וואַלן איז אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק פאָרגעקומען די קאָנסטיטוירנדיקע זיצונג פונעם נייעם קאָמיטעט אויף וועלכער ס'זיינען איינגעלאַדן געוואָרן די מיטגלידער פון צ. ק. און רעוויזיאָנס־קאָמיסיע. דער פּאָרזיצנדער יוסף ראָזנזאַפט דערעפנט די זיצונג, אָפּשטעלנדיק זיך לענגער אין זיין רעדע אויף די שווערע אויפגאַבן, וואָס שטייען היינט צו טאָג פאַרן קאָמיטעט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרוויקלטער פּאָליטישער אוןווירטשאַפטלעכער לאַגע פון דער שארית־הפליטה.

DPJPL CULTURE · EDUCATION · INSPIRATION JEWISH PUBLIC LIBRARY ARCHIVES + SPECIAL COLLECTIONS BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE ARCHIVES + FONDS SPÉCIAUX

די מיטגלידער פון קאָמיטעט גיבן אָפּ אַרבעטס־דעקלאַראַציעס אין נאָמען פון זייערע פּאַרטייען. די ח״ח פּאָסלושני און גערשט דערקלערן, אַז ס׳זיינען איצט נישט נויטיק קיין שום דעקלאַראַציעס, נאָר פּאַקטישע, טאָג־טעגלעכע אַרבעט פאַרן וווּל פון דער בעלזענער באַפעלקערונג. אין דעם זין ווערט די זיצונג ווייטער געפירט. נאָכן באַהאַנדלען פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן און מעגלעכקייטן פאַר אַ דערפאָלגרייכער אַרבעט טרעט מען צו צום פאַרטיילן די אַמטן צווישן די נייע קאָמיטעט־מיטגלידער. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע קאָנסטיטוּירט זיך דער קאָמיטעט אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל:

| | |
|---|---|
| אַדמיניסטראַציע: | וויינטרויב, גאָלדמאַן |
| פאַרפלעגונג: | פּאָסלושני, גערשט, טייכער |
| באַקליידונג: | כץ, פרידלער |
| קולטור: | גערשט, גאָלדמאַן, וויינטרויב |
| אַרבעט און פּראָדוקטיוויזאַציע: | כץ, טייכער |
| סאָציאַלע הילף און געזונטהייטס־וועזן: | פרידלער, פּאָסלושני |
| רעליגיעזער אַמט: | וויינטרויב, גערשט |

דער נייער קאָמיטעט איז שוין צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

---

## „קאַצעט־טעאַטער“ פאָרט אַרויס אויף אַ לענגערן טורנע

דאָס יידישע „קאַצעט־טעאַטער“ פון בערגן־בעלזן אונטער דער לייטונג פון זאַמי פעדער וועט אויף דער איינלאַדונג פון דער בעלגישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אַרויספאָרן אויף אַ טורנע נאָך בעלגיע, פראַנקרייך, שוועדן און ענגלאַנד. דאָס טעאַטער וועט אויף די בינעס פון די דערמאָנטע לענדער באַווייזן דער יידישער באַפעלקערונג זיינע טעאַטער־דערגרייכונגען, וועלכע נעמען אַרום שאַפונגען פון שלום־עליכם, קולבאַק, נאַדיר און פיל בילדער פון קאַצעט־ און געטאָ־לעבן.

מצד דעם צ. ק. וועט די טרופּע באַגלייטן דער ח׳ פּאַול טרעפמאַן.

---

## ווייטערדיקע שענדונגען פון יידישע בית־עולם׳ס אין האַנאָווער

